די גאָלדענע קייט נומ׳ 13 1952

משה קולבאַק

בויטרע

דראַמאַטישע פּאָעמע אין זעקס בילדער

די דראַמאַטישע פּאָעמע בויטרע פון משה קולבאַק, געשריבן אין ראַטן־פאַרבאַנד אָנהייב 1935, און ווערט דאָ צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט, האָבן מיר באַקומען פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ, אין ניו־יאָרק און מיר דרוקן עס מיט זיין דערלויבעניש.

מיר דאַנקען פריינד מענדל עלקין, מיטאַרבעטער פון ייִוואָ, פאַרן איבערשרייבן און ברענגען אונדז דעם כתב־יד. רעד.

אָנטיילנעמערס

אהרן וואָלף	פּרנס־חודש
ביילע	זיין ווייב
סטערע	זיין טאָכטער, ביילעס שטיפטאָכטער
רב	
יאָסעלע	
ערשטער דיין, צווייטער דיין	בית־דין פון קהילה
יחיאל מלווה	גבאי פון קהילה
קלמן גיטעלעס	גבאי פון קהילה
זימל	שרייבער
באָנטשע קאָט	לאָווטשע פון קהילה
בויטרע	
לעמעלע פּוס	
מעלקע	
מיירים מאַרשעלעק	קאַפּעליע פון קהילה
יעקל מיטן פידל	קאַפּעליע פון קהילה
ניסן מיטן פלייט	קאַפּעליע פון קהילה
שבח מיטן פויק	קאַפּעליע פון קהילה
בערל מיטן באַס	קאַפּעליע פון קהילה
הויכער קרעטשמער	
קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ	
געלער קרעטשמער	
ייִשובניק מיטן ציגענעם בערדל	
ייִשובניק אין פּעלץ	
ייִשובניק מיטן הייזעריקן קול	
ערשטע יידענע, צווייטע יידענע	
מחותּן מיטן זיידן טיכל	
מחותּן משה חיים	
ירחמיאל	בעל־עגלה
יאַנקל שוסטער	
אַסעסאָר	קליוטשעוואָיט
ייִשובניקעס, בעקריונגען, אָרעמע־לייט	

ערשטער בילד

אַן אסיפה פון קהל ביים פּרנס־חודש אין שטוב. אַ גרויס צימער מיט ווענעציאַנישע פענצטער אין הינטערגרונט. אַ שווערער מעשענער הענגלייכטער אין מיטן שטוב. אין מיזרח־וואַנט אַן עמוד און ארון־קודש. אין מיטן שטוב — אַ שווערער דעמבענער טיש, בענקלעך, איין טיר פון רעכטס, איין טיר פון לינקס, אַ טיר אין הינטערגרונט צום גאַס. ביים טיר צום גאַס אַ קופּערנער האַנטפאַס.

ביים טיש זיצן: דער רב, ערשטער דיין, יחיאל מלווה, קלמן גיטעלעס, זימל שרייבער. אויף אַ בענקל אין הינטערגרונט — באַנטשע קאַט. פון דרויסן קוקט אַריין אין פענצטער ירחמיאל בעל־עגלה.

ירחמיאל (אין פענצטער). רב קלמן, איז מיט וועלכן וועג פיר איך די עופות? מיטן שוואַרצן גאָסטינעץ, צי מיטן קרעווער וואַלד? ס'איז ברוך־השם ביידע ניט זיכער. וואָדען?

קלמן גיטעלעס (קוקט אריין אין ספר). נו פאָר שוין, בראָך איינער, פאָר שוין! זאָל זיין מיטן קרעווער וואַלד.

ירחמיאל. אין קרעווער וואַלד וואַלגערן זיך אַרום די יִשובניקעס. די געשרייען פון די ווייבער און קינדער דערגרייכן ביזן הימל. איר הערט, בעלי־בתים, ווערליק מע שמועסט, איז עס ערשט אַן אָנהייב. מע זאָגט, אַז מע וועט חס־ושלום ניט איבערלאָזן אין דאָרף קיין ייִדן אויף אַ רפואה.

ערשטער דיין: גזירות רעות!

רב. און ווו, איז ער, רב אהרן וואָלף?

זימל שרייבער. ער זיצט אָט דאָ אָ (ווייזט מיט דער גענדזענער פעדער אויפן טיר). מיטן אַסעסאָר פון נאָך האַלבן טאָג.

יחיאל מלווה. שווערע צייטן היינט, סאַראַ יקרות. ניט צוצושטעקן זיך צו אַ ווערגל האָלץ. דיין, איר האָט אַ שמעק טאַבאַק?

קלמן גיטעלעס. אַ ייִד זאָל זיך ניט פאַרגינען קיין אייגענעם שמעק טאַבאַק. סע קערט שוין באמנות צו דער גאַל, רב יחיאל.

יחיאל מלווה (קרימט אים נאָך). גאַל־שמאַל, אַ גרויסער חכם! נו, וואָס איז מיט דעם אויסשטייער פאַר רב אהרן וואָלפס בתולה, טאַקע ניטאָ? באַפאַלן די פורן און טאַקע צוגעגזלט? און וועמען איז מען חושד, טאַקע די ייִשובניקעס?

צווייטער דיין. מע זאָגט, אַז דאָס טוען די ייִשובניקעס פון עגמת־נפש, פון הונגער און נויט, אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ סברה, אַז דאָס איז דער גזלן בויטרע, רחמנא ליצלן, וואָס וויל זיך איצטער נוקם זיין אין שטאָט.

ערשטער דיין. בויטרע גזלן? איז ער טאַקע אַ בן־ישׂראל?

צווייטער דיין. בעוונותינו הרבים, אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט, און ווערליק מע שמועסט, איז ער גאָר, רחמנא ליצלן, אַ בן־טובים אויך, שיִער ניט דעם ווילנער גאונס אַן אייניקל, אַן עילוי פון וואָלאָזשין.

קלמן גיטעלעס (הייבט אויף דעם קאָפּ פון ספר). וואָס ווילט איר האָבן, דיין? גאון־שמאָיען! ס'איז דאָך אונדזער ישׂראל דעם בעל־עגלהס בן. פאַר צוויי יאָרן אָפּגעגעבן אים אין נאַבאָר. אָט זיצט ער, באַנטשע, געהאַט פון אים געברענטע צרות, עטלעכע מאָל געדאַרפט אים כאַפּן.

באַנטשע קאָט. וועמען? אָט דעם טרייפענעם ביין!

קלמן גיטעלעס (שטיל צום בית־דין און צו יחיאל גבאי). מע קומט און מע זעצט זיך דאָ אַוועק אויף דער אסיפה, ווי די גולמס. רייד, אַז ס'איז ניטאָ צו וועמען! קהל

באַדאַרף זיך ניט מישן. איר וועט זען, ס'וועט זיך אויסלאָזן ניט גוט. אהרן וואָלף איז דעמאָלט באַשטאַנען, אַז מען זאָל אים אָפּגעבן. איך ניט. וואָס איז ווער שולדיק?

רב. אַזוי?

קלמן גיטעלעס. מאָלט אייך, אַז ס'איז געווען אַ ייִנגל אַ גזלן נאָך פון דער מאַמעס בויך. (קוקט זיך אַרום). און די מיידל, אהרן וואָלפס סטערקעלע... (רעדט שטיל).

ערשטער דיין. אַזוי?!

קלמן גיטעלעס. וואָס האָט איר געמיינט, ביי אַ פּרנס־חודש ווערט גלאַט אַזוי פאַרזעסן אַ טאָכטער? אַז דאָס געהערט ניט צו קהל? למאי זאָל מען אַריינשלעפּן אַ גאַנצע עדה ייִדן אין אַן אומגליק, ווען אהרן וואָלף האָט זיך דאָרטן זיינע אייגענע געשעפטן? מע קאָן דאָך שוין ניט אַרויספירן קיין ביסל סחורה פון שטאָט! אדרבה, מע דאַרף אויסקלעפּן אַ מודעה אויף די בתי־מדרשים, אַז בכן קהל מישט זיך ניט אין די סיכסוכים, וואָס קומען פאָר אין שטאָט, און ייִדן סוחרים דאַרפן ניט ליידן מיט זייער סחורה פאַר די עוולות וואָס עס איז באַגאַנגען איין מענטש, זאָל זיין אַפילו ר' אהרן וואָלף. (אין צווייטן צימער הערט זיך דאָס זינגען פון אַ פּרויענשטים אַ פּויליש לידל). דאָס איז סטערקע. (דער רב און די דיינים פאַרשטעקן די אויערן).

רב. קול באשה... עס איז ניט רעכט... ניט רעכט.

קלמן גיטעלעס. נעמט זי מיט אין הויף. דאָרטן מיט די פּריצטעס. כל דבר אסור. (געזאַנג הערט אויף).

יחיאל מלווה. אָט ווייס איך וואָס, און די ייִשובניקעס, קלמן? מע זאָגט נאָך, אַז די ייִשובניקעס ראַבעווען דאָס?

קלמן גיטעלעס. און איר, יחיאל, מיינט, אויב איר זייט אַ מלווה, איר פירט ניט קיין סחורה, זייט איר פּטור פון אַלץ? וואַרט, מע וועט זיך נאָך נעמען צו אייערע שטר עיסקאָס אויך און צו אייערע משכּנות אויך!

יחיאל מלווה. ר' קלמן, שטאָט ווייס, אַז מע האָט אים אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן, אויך צוליב אייערער אַ גאַנדז, איך בין גראָד ניט שולדיק, וואָרעם וואָס טו איך וועמען? (עס עפנט זיך די טיר לינקס, עס קומט אַרויס דער אַסעסאָר, נאָך אים ר' אהרן וואָלף, קושט דעם אַסעסאָר די האַנט. אַלע שטייען אויף, נעמען אַראָפּ די שטריימלעך פון איבער די יאַרמלקעס, בוקן זיך).

אהרן וואָלף. דזשענקויע יאַסניע וויעלמאָזשניע פּאַניע דאָבראָדזיעיו... דזשענקויע פּאַניע...

אַסעסאָר. דאָברע, וואָלווקאָ, דאָברע! (צו יחיאל גבאי). יחיעלקע! ווען וועסטו שוין אַ מאָל אָנטאָן אַ ניי קאַפּאָטע? מע זעט דאָך ביי דיר אַלץ אַרויס.

יחיאל מלווה. ביי מיר איז אונטער דער קאַפּאָטע גאָרנישט דאָ, פּאַניע דאָבראָדזשעיו. מ'איז ברוך־השם מאָגער ווי די הינט.

אַסעסאָר (לאַכט). און ווו האַלטסטו דאָס געלט, יחיאלקע? מע זאָגט, אַז דו האַלטסט עס אין אַ בייטל ביי זיך אויפן האַרצן. ס'איז אמת?

יחיאל מלווה. אַ ליגן, פּאַניע דאָבראָדזשעיו, אַ ליגן! איך האָב ניט קיין גראָשן ביי מיין לעבן. דער דלות איז שוין דערגאַנגען ביז אָט אַהער.

אַסאָסער. נו, סמאָטרע, דאָברע, זשידקו, דאָברע.

אַלע. דזשענקויע, פּאַניע דאָבראָדזשעיו, פּאַניע אַסעסאָזשע. (אַסעסאָר אָפּ. אהרן וואָלף גייט צום טיש, פאַרנעמט מיט חשיבות דאָס אָרט פון פּרנס־חודש).

אהרן וואָלף. ביי אהרן וואָלפן נעמט מען ניט! ביי אהרן וואָלפן כאַפּט מען ניט. ס'איז ניט פאַראַן קיין אייבערהאַנט ביי ישׂראל. נאָר דאָס וואָס אַ ייִדישע טאָכטער וועט איצט דאַרפן גיין צו דער חופּה, ניט ווי עס פּאַסט פאַר אַ בת־טובים (איראָניש), בין איך מסתּמא ווערט. איך באַשטיי, אַז קהל זאָל חתמענען, אַז די אַרויסגעטריבענע ייִשובניקעס פון די דערפער ווערן ניט אַריינגעלאָזט אין שטאָט. די הולטייעס, אַז זיי זענען געבליבן אָן אַ היים, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַל דאָס ייִדישקייט — און זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט גנבה און גזלה. מע הולטאַיעוועט, מע שיכּורט. חוץ לזה טראָגן זיי אָן פאַרשיידענע שלאַפקייטן, היצקרענק, סקאַרלעטינע, רחמנא ליצלן, מיט וואָס זיי זענען געשטראָפט געוואָרן פון גאָט. בלייבט עס אַזוי. און מכּוח דעם בויטרע, וועט קהל אויך ניט שווייגן. באָנטשע! דער אַסעסאָר וועט דיר מיטגעבן דעם קליוטשעוואָיט, וועט איר זיך לאָזן אין דער אומגעגנט פון ייִשוב צו ייִשוב דערקונדיקן זיך וועגן דעם: ווער איז ער? ווו געפינט ער זיך? מע זאָגט אַז ער זיצט ערגעץ אין אַ סמאָליאַרנע. קהל וועט ניט פאַרטראָגן קיין תּקיפות פון גראָבע יונגען. און למען השם, ייִדן: די חתונה פון אהרן וואָלף דעם פּרנס־חודשס טאָכטער וועט ניט אָפּגעלייגט ווערן. די מחותּנים זענען שוין אין אַ גוטער שעה אונטערוועגנס. (טוט אַ זיפץ). צוליב די צרות־רבים, צוליב די גזירות, ווו ייִדן פאַרלירן זייער מעמד, וועט די שׂימחה געפּראַוועט ווערן כּפי אַ פּרנס־חודש קאָן, עס וועלן ניט געשטעלט ווערן קיין קויפן בראָנפן אויף די גאַסן. עס וועלן ניט געגרייט ווערן קיין טישן פאַר אָרעמע־לייט, כּדי ניט אַרויסצורופן חס־ושלום קיין קינאה ביי די ביסל ערלעכע ייִשובניקעס. וואָס זענען אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון זייער פּלאַץ און וואַלגערן זיך נעבעך אין די פעלדער און אין די וועלדער. אַזוי בלייבט עס. פרעג איך, צי איז קהל און בית־דין מסכּים מיט מיין דעה?

יחיאל מלווה. קהל איז מסכּים.

קלמן גיטעלעס. קהל איז מסכּים (שטילערהייט) מסכּים שבמסכּים!

רב. (בייגט זיך איין צו די דיינים, ריידן שטיל צווישן זיך). בית־דין האָט זיך מיישב געווען און איז מסכּים מיט דער דעה פון פּרנס־חודש.

אהרן וואָלף: זימל, טראָג אַריין אין פּינקס, אַז קהל איז מסכּים מיטן פּרנס־חודש. וואָס חלומסטו? ביסט ניט אויסגעשלאָפן? דער גאַנצער פּנים איז דאָך ביי דיר מיט טינט.

זימל שרייבער. שלעכטע טינט, עס פּאַטשקעט.

יחיאל מלווה. גיב מיר אַ קאַפּעלע טינט, זימל. (נעמט אַרויס אַ פלעשעלע).

אהרן וואָלף. וואָס נאָך פאַר אַן ענינים האָט קהל?

זימל שרייבער. בעקעריונגען זענען געקומען מיט אַ השתּדלות צו קהל, אַז זיי ווילן מאַכן אַ חברה. זיי ווילן ניט, זאָגן זיי, מע זאָל זיי פאַררעכענען צו די שלעפּער און אָפּגעבן צו די רעקרוטן.

אהרן וואָלף. בעקעריונגען — אַ חברה? דאָס איז ניט קיין מלאכה. אַלע ווייבער קאָנען דאָס. ווי איז די דעה פון קהל?

יחיאל מלווה. קהל איז מסכּים.

קלמן גיטעלעס. קהל איז מסכּים.

רב (בייגט זיך איין צו די דיינים, ריידן שטיל צווישן זיך). בית־דין האָט זיך מיישב געווען און איז מסכּים מיט דער דעה פון פּרנס־חודש.

זימל שרייבער. זיי האָבן געזאָגט, אַז סיידן זיי וועלן ניט האָבן קיין חברה, וועלן זיי לויפן צו בויטרען, אַזוי ווי לעמעלע פּוט.

אהרן וואָלף. וואָס, הפקר אַ וועלט?

זימל שרייבער. און נאָך האָבן זיי געזאָגט, דער פּרנס־חודש אהרן וואָלף זאָל ניט מיינען, אַז ער וועט חתונה מאַכן זיין טאָכטער פאַר דעם מאָהילנער רבס ייִנגל...

אהרן וואָלף. טאַרבעס! שלים־מזל, וואָס איז עס פאַר אַ רייד!

זימל שרייבער. אַזוי האָבן זיי געזאָגט, און אַז איך האָב ביי זיי געפרעגט: פאַר וואָס? האָבן זיי געזאָגט: איר וועט שוין זען פאַר וואָס.

אהרן וואָלף. באָנטשע! היינט וועסטו אַרויסגיין מיט דעם קליוטשעוואָיט אין וועג אַריין. דו זאָלסט מיר דערגיין ווו געפינט ער זיך, דער אויסוואָרף. און אויב דאָס איז חיימקע ישׂראל דעם בעל־עגלהס, זאָלסטו מיר אים ברענגען אין קייטן, באַקומסט פערציק גילדן אין זילבער. באָנטשע, דו הערסט וואָס איך זאָג? מיין טאָכטער סטערע איז אַן ערלעכע בת־ישׂראל און זי האָט קיין מאָל דעם חיימקען אין די אויגן ניט געזען. און אויב דער בויטרע איז איינער פון די אַרויסגעטריבענע ייִשובניקעס, זאָלסטו מיר אים אויך ברענגען אין קייטן. און אין דריי טעג אַרום, כ"ה סיון, צום טאָג פון דער חתונה, זאָלסטו שוין דאָ למען השם זיין צוריק. גיי צייל שוין אויך איבער די פורן פלאַקס, זיי דאַרפן ביי נאַכט אַוועק. זעקס און פערציק פורן. (באָנטשע אָפּ). נו, בית־דין, וואָס וועט איר זאָגן צו אייערע ייִדן, אַ שיינע מעשׂה וואָס?

רב. דברים שלא יעשׂו בישׂראל! ר' משה דער דיין האָט אָבער דאָ געזאָגט, לא האָ ולא האָ! דער גזלן בויטרע זאָל גאָר זיין רחמנא ליצלן דעם ווילנער גאונס אַן אייניקל, אַן עילוי פון וואָלאָזשין.

אהרן וואָלף. אַן עילוי פון וואָלאָזשין? דעם ווילנער גאונס אַן אייניקל? סע לייגט זיך אויפן שׂכל. פאַרשטייט זיך, אַז דער חיימקע ישׂראלס איז שוין לאַנג אומגעקומען. פון רעקרוטן ברוך־השם אַנטלויפט מען ניט. (פּויזע). רבי, איר זייט דאָך דער ערלעכער ייִד און דער בן־תּורה, גיט מיר צו פאַרשטיין וויפל ייִדן האָבן דאָס פון מיר צום לעבן אין מיין אָליווניע, וויפל בין איך מפרנס פון מיין ברויז און מיין מיל, און פון מיינע פלאַקס? פאַר וואָס האָבן מיך מענטשן פיינט? פאַר וואָס וויל שטאָט דווקא זען אין מיר נקמה? פאַר וואָס, גיט מיר צו פאַרשטיין, רבי, טרייבט אַ שטאָט רכילות, אַז זי, מיין סטערקע, אַ כּשרע ייִדישע טאָכטער, האָט געהאַט צו טאָן מיט חיימקע בויטרע? איכ'ל אַרעשטעווען, איכ'ל מאַכן אַ שטאָט פון אלמנות און יתומים! איכ'ל פאַרשמייסן ביז בלוט.

ערשטער דיין. גזלעוואָיסטווע?

צווייטער דיין. מאַלע וואָס דאַרטן אַ נחות דרגא קאָן איינפאַלן, איז דאַרף זיך דער פּרנס־חודש אַזוי מצער זיין?

קלמן גיטעלעס. ר' אהרן וואָלף, מיין סברה איז, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער זעסטו... קהל קאָן דאָך ניט... קהל קאָן דאָך, ווי זאָל איך זאָגן... פון קהל קאָן מען דאָך ניט... איר וועט זען, אַז ס'וועט זיך אויסלאָזן ניט גוט!

אהרן וואָלף. מרה שחורה, וואָס בעבעסטו! מרה שחורה! איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט. עס איז אַ צרת רבים. גזירות אויף ייִדן! און טאָמער איז אַ מאָל דער בויטרע ניט חיימקע ישׂראלס, האַ? טאָמער איז ער גאָר אַ היגער שׂררה, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף ייִדן, מע זאָגט אומעטום, אַז בויטרע איז גאָר אַ היגער פריץ וואָס פראַוועט משוגענע גענג. אפשר איז עס זשעליכאָוויצקי? סע לייגט זיך אויפן שׂכל, ער האָט אַנומלט אָנגע־

שיכּורט אַלע אָקסן. ניין, דאָס איז ניט קיין ייִדישער דרך. אַ ייִד וואַרפט זיך ניט מיט זיין האָב און גוטס. און דער ביטרע האָדעוועט דאָך די ייִשובניקעס.

יחיאל מלווה. פון וואַנעט נעמט זיך עס, ר׳ אהרן וואָלף, אַז אַ ייִד איז עס אַזוי להוט נאָך דיין האָב און גוטס?

אהרן וואָלף. יאָ, איר, יחיאל, זייט דאָך דער ייִד מיט דער ברייטער האַנט! מע זאָגט, אַז איר עסט מיט אַ פאַרמאַכט מויל ווייל איר זשאַלעוועט, אַז ס׳זאָל חס־ושלום ניט אַרויספאַלן קיין ברעקל.

יחיאל מלווה. און טאָמער טו איך עס נאָר פאַר דרך־ארץ וועגן? וואָס טרייבט מען אויף מיר רכילות? ביי מיר גייט אַוועק אַכט קאָפּיקעס חודש אין חודש אויף צדקה. און איצטער, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רציחות, האָב איך אַפילו מוסיף געווען נאָך אַ קאָפּיקע.

אהרן וואָלף. וואָס דו קאָנסט שוין העלפן מיט דיין צדקה! וואָס וויל אַ ייִד, אַ ייִד וויל ניט מער ווי האָבן אויף אַ לעבן. עמך ישׂראל צריכים פּרנסה. שלאָגט מען זיי, מאַטערט מען זיי, טרייבט מען זיי איבער די דערפער.

רב. צרות אויף ייִדן!

צווייטער דיין: גזירות רעות. (קהל אין בית־דין זיצט אַ לענגערע צייט און קרעכצט. עס עפנט זיך פּלוצלונג די טיר און עס קומט אַריין די קאַפּעליע קלעזמער).

קלעזמאָרים. האַק, וואַק אַריין מיט באַיאַלניקעס. נעם צו זיין טשוראַליק, שבח! מיירים בעט סענדערצו מיט סטאַנדערצו!

אהרן וואָלף. וואָס איז?

מיירים מאַרשעלעק. ר׳ אהרן וואָלף, סע וועט פאָרקומען אַ חתונה צי ניט? די קאַפּעליע גייט אויף אַ באַל צו די זשעכאָוויצקיס. מיינע שפּילפייגל קאָנען נאָך נעמען אַן איבעריקן טראָפּן און פאַרשפּעטיקן די חתונה.

אהרן וואָלף. למאי זאָל איך עפּעס אָפּלייגן חס־ושלום די חתונה? וואָס האָט געטראָפן?

מיירים. כ׳ווייס, מע זאָגט דאָך, אַז מע האָט צוגעגנבעט דעם אויסשטייער.

אהרן וואָלף. וואָסער אויסשטייער? ס׳אַ ליגן! ביי אהרן וואָלפן גזלט מען ניט! ס׳אַ רכילות.

קלמן גיטעלעס (שטילערהייט). אַ בעל־גאווה איז גוט צו שלאָגן.

מיירים. און בויטרע? וואָס איז מיט בויטרען? ס׳איז דאָך שוין אַ מורא אַרויסצוגיין אין שטאָט.

אהרן וואָלף. גייט, גייט קלעזמאָרים, כ״ה סיוון, אין דריי טעג אַרום, וועט זיין די חתונה. און בויטרע? ס׳איז נאָך פאַראַן ברוך השם אַ מלכות און אַן אַסעסאָר און אַ תּפיסה — ס׳איז ניט הפקר קיין וועלט.

רב. נו, דיינים, מיר וועלן שוין אויך גיין.

יחיאל מלווה. מע דאַרף גיין, ס׳איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. (אַלע הייבן זיך אויף, גרייט צו גיין).

שבח מיטן פויק. מע זאָגט דאָך, אַז די כלה סטערע וויל פאַר אַ חתן דעם בויטרע.

אהרן וואָלף. וואָס רעדט איר? וואָס סטערע, וואָס בויטרע?

מיירים. שווייג, דו! אָט ווייס איך, וואָס דער אויסוואָרף פּלוידערט דאָרטן אויף זיין קלעזמער־לשון.

אַלע. אַ גוטע נאַכט, ר׳ אהרן וואָלף, אַ גוטע נאַכט.

קלעזמאָרים. האַקן מיר צו פוס צען וויאָרסט אין האַלבענאַכט. (אַלע גייען אַרויס. אהרן וואָלף בלייבט אַליין, זעצט זיך צום טיש, דעם קאָפּ פאַרבראָכן אין די הענט.ביילע זיין ווייב, גייט שטיל אַרויס פון טיר רעכטס. זי שטעלט זיך אַוועק ביי אים הינטערן שטול).

ביילע. אהרן וואָלף?

אהרן וואָלף. ניט גוט! ניט גוט!

ביילע. וואָס טוט מען מיט איר? מיט סטערען? זי זאָגט דאָך, אַז זי וועט ניט גיין אין וואַסער, זי וויל ניט. און אַז איך האָב גענומען ריידן! ריידן וועגן חתן, סאַראַ ייִחוס, סאַראַ אָפענער קאָפּ, האָט זי געענטפערט, דו הערסט, איך קאָן עס גאָרניט ברענגען אויפן מויל: זי וועט אים דערשטיקן.

אהרן וואָלף. וואָס?! (שפּרינגט אויף).

ביילע. וואָס קאָן איך טאָן? איך בין דאָך ניט מער ווי אַ שטיפמאַמע. אין דער מיידל איז אַריין אַ דיבוק.

אהרן וואָלף. ווו איז זי? וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? ביילע, רוף זי! סטערקע! (ביילע גייט צו צום טיר און רופט זי אַריין).

ביילע. סטערע! סטערעלע, דער טאַטע רופט דיך! (סטערקע קומט אַריין איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע).

אהרן וואָלף. קום אַהער, סטערע, זעץ זיך, איך וויל ביי דיר פרעגן אַן עצה.

סטערע. (זעצט זיך). נו?

אהרן וואָלף. פאַראַן אַ וועלט מיט מאַמעס מיט קינדער. ניט קיין פּרנס־חודש, פּראָסטע לייט — מאַכט מען חתונה די קינדער צו דער צייט: צו 8 יאָר, צו 11 יאָר, צו 14 יאָר! פרעג איך ביי דיר: פאַר וואָס האָט זיך אויף מיר אויסגעגאָסן די תּוכחה? און דיר אַרט גאָרניט וואָס דו ביסט אַ פאַרזעסן מיידל, האַ?

סטערע. איך האָב געוואָלט חתונה האָבן צו דער צייט.

אהרן וואָלף. (האַקט איבער די רייד). דאָס האָב איך שוין געהערט! חכמה! איך האָב חוטא בעגל געווען! איך בין דאָך סוף כּל סוף ניט מער ווי אַ מענטש. נו גוט, דו האָסט דאָך געהאַט אַ חתן, אַ שיינעם חתן, אַ למדן, אַ בעל־הבית... האָסטו אָבער אַ טאַטן אַ רוצח און ער האָט אים אומגעבראַכט. חטאתי! אָבער חיימקע איז דאָך שוין ניטאָ. ער איז דאָך געשטאָרבן אין די רעקרוטן, געשטאָרבן!

סטערע. און ווער איז בויטרע?

ביילע. ששש... רייד ניט אַזוי הויך... ששש...

סטערע. ס׳איז גוט וואָס בויטרע האָט צוגענומען דעם אויסשטייער. איכ׳ל זיך אָנטאָן אין שמאַטעס. איכ׳ל אים שפּייען אין פּנים אַריין, דעם שיינעם חתן. פּאַהלעך, פּאַהלעך, דאָס הויכע גערגעלע. יחיאל מלווה מיט אַסיגנאַציעס אין די זאָקן. עס טראָגט דאָך פון אַלעמען מיט דזשעגעכץ, מיט אָקעוויט. אוי, איכ׳ל ניט אָפּשערן מיינע האָר! קיין מאָל ניט... ווער וועט מיר דאָ העלפן, גאָט? איך האָב דאָך געקאָנט געבוירן ווערן אַנדערש ווו. איך האָב דאָך געקאָנט געבוירן ווערן ביי די זשעליכאָוויצקיס, ניט קיין ייִדיש מיידל אַפילו. און ווער איז בויטרע? ווער איז ער? אַ רויבער? פאַר דער גערעכטיקייט! עס איז שוין באַשריבן געוואָרן אַזאַ מענטש. איר ווייסט ניט, איר ווייסט פון גאָר ניט.

אהרן וואָלף. חצופה דו! חיימקע בויטרע איז אַ רוצח!

ביילע. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אהרן וואָלף, אַז פון די לערערס, מיט די דייטש, מיט די שרייבעכץ וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

סטערע. איך וועל אַנטלויפן! איך וועל אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן.
(אין אָפענעם פענצטער באַווייזט זיך בויטרע, סטערע שטייט מיטן פנים צום פענצטער, ציטערט אויף). אוי!

ביילע. וואָס איז טאָכטער.

(סטערע קוקט אָנגעשטרענגט אין פענצטער. אהרן וואָלף און ביילע קירעווען זיך אויך אויס צום פענצטער. נאָר בויטרע איז שוין ניטאָ. זיי פאַרשטייען ניט וואָס עס קומט פאָר).

פאָרהאַנג.

צווייטער בילד

אַ ברעג וואַלד וואָס גייט אַרויס צום טראַקט. אָפגעוואַלגערטע פעק בעטגעוואַנט, שטוביקע חפצים, פעסער פון בראָנפן. קינדער שלאָפן. עס ברענען פייערן און איבער זיי קאָכן זיך טעפּ. אויף די צווײַגן טריקענען זיך ווינדעלעך. שפּעט ביי נאַכט. ייִדן און ווייבער ליגן אַרום די פייערן.

לעמעלע פּוט. עסט הון! בויטרע האָט געהייסן עסן הון! צו האַלבע שטיקער אויף אַ מענטשן. רחמיאל בעל־עגלה האָט <זיך נעבעך געפּאַרעט> אַ ייִד אַ בהמה, אומקומען, אַבי ניט אָפּגעבן דעם וואָגן עופות. ייִשובניקעס, וואָס קלאָגט איר, וואָס זיצט איר שיבֿעה? נעמט אַרויס דאָס ברויט פון די זעקלעך. ווייבער, זאָל זיין געשמאַקע עוף! הינערשע זופּ פאַר די קראַנקע קינדער, שטיקער פאָלקע פאַר די שיינע מיידלעך.

הויכער קרעטשמער. וואָס עוף? סע קריכט, ברוך השם, ניט אין האַלדז. אַ שטאָט זאָל פאַרהאַקן די טויערן און ניט אַריינלאָזן פאַרטריבענע ברידער. מעג אַ דונער טרעפן אַזאַ שטאָט. קהל, ר׳ אהרן וואָלף דער פּרנס־חודש! אונטערצינדן דאַרף מען אַזאַ שטאָט.

ייִשובניק אין פּעלץ. על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו... על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו...

הויכער קרעטשמער. איז וואָס? טאַקע אויס ייִשובניקעס? למאי דווקא אויס ייִשובניקעס? פאַר וואָס ניט אויס תבואה־הענדלער? אויס וואַלד־סוחרים, אויס <פּאָד־ריאַטשיקעס> זיי זענען ניט קיין ייִדן, חס־ושלום? משמעות, אַז גזרות אויף ייִדן זענען דאָך אויך ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין... אַ גזרה איז אויפן קבצן, אויפן דלפון, אויפן וויסטן אָרעמאַן. און אין וואַלין,* ייִדן, מיינט איר, אַז עס וועט זיין בעסער? וואָס טרייבט מען אונדז קיין וואָלין? אַן אָרעמאַן האָט צוויי ברירהס: אָדער קריעה רייסן, אָדער פאַרשוואַרצט ווערן.

ערשטע ייִדענע. פון פּאָדאַטן און געקרעמער־מעות מאַכט מען חתונה טעכטער. וואָס קאָסט אָפּ אין די טויזנטער.

ייִשובניק אין פּעלץ. כי שם שאלונו שובינו דברי שיר ותוללינו שמחה... בת בבל השדודה אשרי שישלם לך את גמולך שגמלת לנו...

צווייטע ייִדענע. סטערינקע... אַ רבס אַ זון געפעלט איר ניט. זי דאַרף האָבן אַ קאָזאַק!

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. און איך האַלט, אַז מע וואָלט געדאַרפט גיין מיט גוואַלד אין שטאָט אַריין. (ווייבער וויינען).

לעמעלע פּוט. ווייבער, הערט אויף צו פלאַנכען! אַ מער — די קרעטשמערס האָבן אָפּגעברענט. זעט איר, דאָס וואָס מען לאָזט ניט אַריין אין שטאָט, וואָלט מען געדאַרפט טאַקע קהל ברעכן די ביינער. ר׳ אהרן וואָלף האָט מורא, די הונגעריקע ייִשובניקעס זאָלן אים ניט פאַרשטערן די חתונה... ר׳ ייִד, שטייט אויף נעמט אַ שטיקל עוף! ווי לייגט זיך אַ ייִד שלאָפן אָן וועטשערע.

דער אַנטלאָפענער ייִד (מיט אַ הייזעריקן קול). איך עס ניט פון קיין גזלה.

לעמעלע פּוט. אויך אַ צדיק אַ ייִד. ער עסט ניט פון קיין גזלה.

צווייטע ייִדענע. ייִדן וואַלגערן זיך אַרום אָן אַ דאַך, קינדער פאַלן אַוועק אויף היצקרענק, אויף סקאַרלעטינע, און דער פּרנס־חודש פּראַוועט די חתונה פון זיין שיינער (זכרטע).

הויכער קרעטשמער. ייִדן, עמעצער קומט אָן מיטן וועג.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. ווו? ווו?

הויכער קרעטשמער. דער קליוטשעוואָיט און באָנטשע קאָט. באַהאַלט די עופות. לעשט אויס דאָס פייער! ייִדן, עס איז ניט גוט. הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן...

ערשטע ייִדענע. שייע, ווו שלאָפן די קינדער? שייע, דער קליוטשעוואָיט און באָנטשע קאָט! איכ׳ל זיי אַוועקנעמען אין וואַלד אַריין...

לעמעלע פּוט. שאַט, שאַט, עולם בהמות! לעשט ניט די פייערן! וואָס טוט איר? גיסט ניט אויס די הון, איכ׳ל זיך אַ מעשה אָנטאָן! זיצט רויק, בהמות! זעצט זיך עסן וועטשערע. וואָס ווילט איר האָבן? (דער קליוטשעוואָיט און באָנטשע קומען אַריין).

קליוטשעוואָיט. זשידקי? וואָס טוען אין מיטן נאַכט די זשידקעס אין וואַלד? פּעק אַזוי פיל?

לעמעלע פּוט. פּאַניע קליוטשעוואָיט, דאָס זענען די אַרויסגעטריבענע ייִשובניקעס פון די דערפער. אהרן וואָלף לאָזט זיי ניט אַריין אין שטאָט.

קליוטשעוואָיט. די ייִשובניקעס פון די דערפער...

באָנטשע קאָט (קוקט אַריין אין די טעפּלעך). עוף אין דער וואָכן?

ערשטע ייִדענע. גוטע לייט האָבן אונדז געקוילעט עטלעכע עופות, צו אָטכײַען די קראַנקע קינדער.

קליוטשעוואָיט. ייִשובניקעס גאָר? שש... ווייסט איר ניט ווו איז ער דאָ, דער בויטרע? דאָ דאַרף זיין ערגעץ אַ סמאָליאַרניע.* צי האָט איר אים ניט געזען דעם בויטרע? אפשר דרייט ער זיך דאָ אַרום אין וואַלד?

הויכער קרעטשמער. ניין, ער איז דאָ ניטאָ.

ערשטע ייִדענע. דאָ זענען אַלץ ערלעכע ייִדן.

ייִשובניק מיטן ציגענעם בערדל. מע שמועסט אַז ער געפינט זיך אַ פּאָר מייל פון דאַנען, אין זאַסקעוויצער וואַלד.

הויכער קרעטשמער. נעמט אַ גלעזל אָקעוויט, פּאַניע קליוטשעוואָיט.

לעמעלע פּוט. ער איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט. צום פּרנס־חודש אויף דער חתונה.

קליוטשעוואָיט. ניטאָ אים אין וואַלד, וואָס? (בויטרע הייבט זיך אַרויס פון צווישן די פּעקלעך).

בויטרע. קומט איכ׳ל אייך ווייזן ווו בויטרע איז.

קליוטשעוואָיט. און ווער ביסטו?

בויטרע. איך בין דער נייער בירברויער ביי זשעליכאָוויצקין אין ברויז.

קליוטשעוואַיט. און וואָס טוסטו דאָ?

בויטרע. דאָס גיי איך אין שטאָט, איך האָב זיך צוגעלייגט דאָ אַ ביסל זיך אָפּרוען.

באַנטשע קאַט. דו ביסט מיר אַ קענטלעכער מענטש.

בויטרע. קומט פּאַניע קליוטשעוואַיט. איכ׳ל אייך ווייזן דעם בויטרעס באַהעל־טעניש. אָט דאָ אָ, רעכטס אין וואַלד.

באַנטשע קאַט. אָט דאָס איז ער, פּאַניע קליוטשעוואַיט. (בויטרע גייט פאַרויס, קליוטשעוואַיט און באַנטשע לאָזן אים אָפּ. זיי פאַרשווינדן צווישן די ביימער. לעמעלע נאָך זיי).

ערשטע ייִדענע. וויי און ווינד, וואָס וועט עס דאָרטן זיין...

יִישובניק אין פּעלץ. ווער איז ער, דער יונגערמאַן?

הויכער קרעטשמער. איך זע ניט ווער ער איז.

יִישובניק אין פּעלץ. וווּ זענען מיר דאָ אַריינגעפאַלן, רבונו של עולם? סע קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן. חנה לאה, נעם נאָר גיכער צונויף די פּעק. וווּ ליגן די קינדער? עפּעס אַ פּורל ווען ס׳וואָלט זיך געמאַכט. קום, מיר וועלן גיין צו פוס.

הויכער קרעטשמער. שאַט. איר הערט?

צווייטע ייִדענע. מע שרייט, דוכט זיך.

אַלטער יִישובניק מיטן ציגענעם בערדל. ניין. דאָס שרייט אַ פויגל. אַ סיטש.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. פאַרלאָזט זיך, ייִדן, ער וועט שוין הענגען אויפן האַטשיק.

ערשטע ייִדענע (קלאָגט). איי, וואָס וועט איצטער זיין? העלף אונדז, גאָט, אין דער נויט! שטייט אונדז ביי, אברהם, יצחק ויעקב...

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. שווייגט, ייִדענע! איר וועט אויף אונדז ברענגען כל הצרות.

הויכער קרעטשמער. שאַט.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. איר הערט?

אַלע. אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת אדוני. אשרי נוצרי עדותיו בכל לב ידרשוהו. (לעמל פוס לויפט אַריין, ווישט דעם שווייס פון פנים, דאָס תהלים־זאָגן הערט אַויף. אַ ווײַלע טויט־שטילקייט).

לעמעלע פּוס. ייִדן עסן הון, אַווּ איז ברויט? עפּנט אַ קויף! אויף וואָס האַלט איך עס. קרעטשמאַרעס? וואָס האָט איר ניט געזען? דער טויט איז ניט קיין נקמה, נאָר אַ וויגאָדע. מיר פאָרן אין וואָלין, ייִדן, און מיר׳ן שעפּן שטיקער גאָלד. זיצט ניט ווי טכויִרן. (פון היִנטערן סצענע הערט מען בויטרעס קול).

בויטרעס שטים. שאַגאָם אַרש! אָט דוואַ! אָט דוואַ! מאַרש! פּאַשאָל וואָן. (דער איבערגעשראָקענער קליוטשעוואַיט גייט אַדורך ווי אַ סאָלדאַט דורך די סצענע) גייט אָפּ טשעסט. ביים אויסגעשריי „פּאַשאָל וואָן” אַנטלויפט ער אין דער ריכטונג פון וואַנען ער איז געקומען. בויטרע קומט אַריין).

יִישובניק אין פּעלץ. אף לא פעלו עולה בדרכיו הלכו. אתה צוית פקדיך לשמר מאד.

אַ געלער קרעטשמער. (לויפט אַריין דערשראָקן). ייִדן, אַ הריגה, באַנטשע

קאַט, ליגט אַ דערהרגעטער נעבן אַ בוים. צי איז דאָס ניט אַ מאָל בויטרעס אַרבעט? וואָס שווייגט מען? ער וועט דאָך אונדז אויסקוילען אַלעמען. (אויף דער סצענע אַ טויט־שטילקייט. בויטרע קוקט אויפן געלן קרעטשמער. דער געלער דערפילט בויטרעס בליק, קוקט זיך אַרום אויף די קרעטשמאַרעס, און דער געלער נעמט אין שרעק אָפּטרעטן צוריק, פאַרשווינדט צווישן די ביימער).

ערשטע ייִדענע (פאַלט בויטערן צו די פיס). האָב רחמנות אויף אונדזערע קליינע קינדער, בויטרע, לאָז אונדז לעבן, טייערער, מיר וועלן דיר וואַשן די פיס, מיר וועלן דיר טאָן כל עבודת פרך, נאָר לאָז אונדז איבער דעם נפש.

הויכער קרעטשמער. וואָס ווילט איר האָבן, ייִדענע? שטייט אויף און גייט אַוועק פון דאַנען! (צו בויטרען מיט אַ שמייכעלע). זי מיינט, אַז איר זייט אַ הורג נפש. (צו דער ייִדענע). בהמה! צי איז באַנטשע קאַט געווען אַ מענטש? דאָס איז דאָך געווען אַ חיה. ער האָט דאָך אָפּגעפּירט צום טויט הונדערטער אָרעמע קינדער. איר הערט, חיים, אָט לאָזט מען אונדז אויך ניט אַריין אין שטאָט, צי איז דאָס יושר? איר האָט געדאַרפט זען העלפן, מע זאָל אונדז אַריינלאָזן אין שטאָט אַריין.

בויטרע (הייבט זיך אויף צו גיין). איר זעט, ייִדן, צוריקגעקומען פון די רעקרוטן, ניט חיימקע, ניט ישראל דעם בעל־עגלהס, נאָר ווי אַ קללה פון גאָט, אַ בייזער יאָר... (צו לעמעלע פוס). לעמעלע, וווּ זיינען די בעקעריונגען?

לעמעלע פּוס. אויפן שוואַרצן גאָסטינעץ. (בויטרע אָפּ).

יִישובניק אין פּעלץ. אָט דאָס איז ער? בויטרע? אַ הורג נפש, וויי, וואָס מען קאָן מאַכן פון אַ מענטשן! איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין צום ערשטן מאָל בייגעווען ביי אַזאַ רציחה. אַ גרויל, ס׳וועט נאָך אויסגיין צו אונדזערע קעפּ. תפילה לעני כי יעטוף ולפני אדוני ישפוך שיחו. אדוני שמעה תפילתי ושועתי אליך תבוא...

קרעטשמער מיט געשפּאָלטענער ליפּ. מיינע צרות אויף זייערע קעפּ.

צווייטע ייִדענע. שמואל, וואָס איז מיט דיר, שמואל? ייִדן, האָט רחמנות! נעמט צו ביי אים דעם בראָנפן. ער וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן.

אַלטער יִישובניק מיטן ציגנבערדל. ייִדן זאָלן ווערן אַזוי אויסגעלאַסן, עס איז אַ בושה און אַ חרפה!

יִישובניק מיטן הייזעריקן קול. וואָס איז, גזרות אויף ייִדן! שוין אַכט יאָר ווי מע טרייבט די יִישובניקעס. אַ ייִד דאַרף אָננעמען אַלץ פאַר גוט. בעסער, פרימער ווערן אַ ביסל. אַלץ איז נאָר אַ שטראָף פאַר די אייגענע מעשים טובים.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. הער אויף, באָק!

געלער קרעטשמער. (קומט אַריין). שיינע מענטשן, ניטאָ וואָס צו ריידן. איר ועס, איר זיצט דאָ, וואָס שווייגט איר? וויפל האָט געפעלט? איך בין דאָך שוין געשטאַנען מיט איין פוס אויף יענער וועלט. שיינע מענטשן? איטלעכער טראַכט נאָר וועגן זיך.

הויכער קרעטשמער. אין דעם גרויסן הונגער האָט מען געוווסט, אַז מע שטאַרבט פון גאָט. איצט אָבער שטאַרבט מען פון מענטשן. פון איין זייט דער שיינער מלך, ניקאָלייקע, ימח שמו, פון דער אַנדערער זייט — אהרן וואָלפקע!

קרעטשמער מיט געשפּאָלטענער ליפּ. איך וויל פון גאָרניט וויסן, ייִדן, איך וועל מיך דערטרינקען אין בראָנפן. וווּ איז יאַנקל? יאַנקל, עפן אויף דאָס פעסעלע אָקעוויט. ביז וואָלין איז נאָך ווייט. וועסט סיי ווי אויסציִען די פיס...

ערשטע ייִדענע. איי, ער האָט שוין ברוך השם מער אין דעשל, ווי אין פלעשל.

יִישובניק מיטן הייזעריקן קול. אַז סע טרעפט אַזאַ זאַך, ווי אַ גזרה,

דאַרף מען זיך, אַדרבה, אָפּהאַלטן פון עסן און טרינקען. גוזר תּענית זיין. און דאָ פרעסט מען געגזלטע עופות. מע טרינקט און מען זויפט. סע וועט זיין ניט גוט.

געלער קרעטשמער. איר ר׳ ייִד, האָט געדאַרפט זיין אַ רב ערגעץ אין שטאָט און ניט קיין ייִשובניק. (די קרעטשמאַרעס טרינקען, אַרומגייענדיק איבערן וואַלד, האַלטן שטיקער הון, גריזשען, שרייען: „לחיים!” שרייען, וויינען, קושן זיך. פון הינטער דער סצענע הערט זיך ירחמיאל בעל־עגלהס קול).

ירחמיאל בעל־עגלה. ייִדן זאָלן זיך לאָזן אויף גזלה — דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. ייִשובניקעס זענען דאָס? רוצחים זענען דאָס. און אַז מען איז הונגעריק עסט מען עוף? וואָס שטופּט איר מיר בראָנפן, צו אַל די שוואַרץ יאָר.

(מעלקע און נאָך יונגען פירן אים אַריין, לאָזן אים נאָך).

געלער קרעטשמער. נעם אַ פוס, ירחמיאל, סיי ווי אָנגעקומען דער קץ. אויף יענער וועלט ווערט מען ניט געבן.

אַלטער ייִשובניק מיטן ציגן בערדל. און דו מיין ניט, ירחמיאל, אַז די ייִשובניקעס גזלנען ניט דיינע הינער.

ירחמיאל בעל־עגלה. וואָסי? ס׳איז מיינע הינער? ס׳איז קלמן גיטעלעס הינער.

אַלטער ייִשובניק מיטן ציגן בערדל. די עופות האָט ביי דיר אָפּגענומען בויטרע.

ירחמיאל בעל־עגלה (דערשראָקן). בויטרע? ער? ער? ווו איז ער? ער איז דאָ ניטאָ. ער אַליין? אַזוי?! דעם ווילנער גאונס אַן אייניקל? אַן עילוי פון וואָלאָזשין?

געלער קרעטשמער. וואָסער וואָלאָזשין? ווּעלכער גאון? ס׳איז דאָך ישראל דעם בעל־עגלהס בן. דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט.

ירחמיאל בעל־עגלה. חיימקע? ער? טאַקע אַנטלאָפן? אַזוי?!!!

געלער קרעטשמער. אַ שיינע פּרי, ניטאָ וואָס צו ריידן. נו, לחיים.

ירחמיאל בעל־עגלה (טרינקט און פילט ניט אַז ער טרינקט). אַזוי, חיימקע ישראלס? ווו איז ער? דער טאַטע זיינער, ישראל, אַ ברודער מיט אַ ברודער, אויך אַ בעל־עגלה. וואָדען? אַן ערלעכער ייִד געווען. אַזוי? חיימקע? דעם טאָג ווען ישראל איז אָנגעקומען, געדענק איך נאָך ווי היינט. ס׳איז געווען אַן ערב פּורים. דער שליטוועג האָט נאָך געהאַלטן. ער האָט געפירט אַהרן וואָלפס פלאַקס. איז ער געפאָרן מיטן אייז און אַראָפּ אין וואַסער מיט די פלאַקס, מיטן וואָגן און מיט די פערד. וואָדען? נו, די מאַמע איז געבליבן אַן אלמנה. וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? אַזוי, טאַקע בויטרע? אַז ס׳איז גאָר אַ מורא דאָ צו זיצן ביי אייך (דער געלער ייִד מיטן קווערטל צעקלאַפּט זיך מיט אים. ער טרינקט אויס און פילט ניט). האָט פיינט בתכלית שׂינאה אַלעמען. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: ער מעג פיינט האָבן. אויף אים האָט קיינער קיין רחמנות ניט געהאַט. ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט האָט געשלאָגן. הערט... און אהרן וואָלפס מיידל וויל טאַקע ניט חתונה האָבן צוליב אים? פאַרליובעט אַזוי? נו וואָדען? ווי נעמט עס טאַקע קהל אַן אָרעם ייִנגל און שיקט אים אויפן טויט. (טרינקט אויס נאָך אַ מאָל).

געלער קרעטשמער. נאַ, פאַרבייס, ירחמיאל! (גיט אים אַ שטיק עוף).

הויכער קרעטשמער (מיטן קווערטל אין האַנט). און אויב ייִשובניקעס לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס, איז ווער שולדיק? בהמות, מע דאַרף גיין אונטערצינדן די שטאָט.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. טאָ וואָס שווייגט מען? אַז דער גאַנצער המון וועט זיך לאָזן, וועט מען פועלן.

געלער קרעטשמער. אַוודאי פועלן! מאַכן להרוג ולאבד. מע דאַרף אויפוועקן די ייִשובניקעס, אַלעמען, זאָל מען גיין. (זיי לאָזן זיך אין טיפן וואַלד).

ירחמיאל בעל־עגלה (זעצט זיך צו אַ ביסל שיכּורלעך). אַזוי? און איר ווייסט ווער ס׳האָט אים געכאַפּט? באָנטשע קאָט! אין דער ווייבערשער שול. וואָדען?

ייִשובניק מיטן ציגענעם בערדל. דערמאָן ניט קיין מת, ירחמיאל, ער האָט שוין דערהרגעט באָנטשע קאָט.

ירחמיאל בעל־עגלה. דערהרגעט באָנטשע קאָט? אַזוי? ווו איז מיין פערד? מע דאַרף פאָרן אַהיים. אַהאַ!... נו, וואָדען?... דערהרגעט (קוקט זיך אַרום). איר הערט וואָס איכ׳ל אייך זאָגן: שטאָט וועט ניט זשאַלעווען... אַ טרייפענער ביין! (ער רעדט עפּעס צו זיך, דער קאָפּ איז אים שווער). אַזוי, חיימקע? נו, אַ פריילעכער יונג, ווו, וואָס? אויף אַלע חתונות געווען. וואָדען? אַזוי, דערהרגעט באָנטשע קאָט?

געלער קרעטשמער (לויפט צוריק). איז געגאַנגען? אַלע! מיט קינד און קייט! קומט אין שטאָט! מירן חרוב מאַכן קהל.

הויכער קרעטשמער. אַז ס׳איז ניטאָ וואָס אָנצוווערן. וואָס איז, מע וועט חס־ושלום אָפּנעמען די קרעטשמעס?

ייִשובניק מיטן הייזעריקן קול. ווו לויפט איר, ייִדן? זעט, איר וועט חרטה האָבן. ייִדן זייט זיך מישב וואָס איר טוט.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. דערלאַנג אים, דעם קורעניצער באָק, דערלאַנג אים!

פאַרשיידענע שטימען. שולדיק איז ער נאָר, אהרן וואָלף.

שטימע. די גבאים. און בית דין איז בעסער? אַ תּל מאַכן פון אַלץ, אַ סוף זאָל עס נעמען. אָפּנעמען די משכּנות ביי דעם קמצן. ביי יחיאל מלווה. מיינער אַ קופּערנער הליאָק, מיינע אַ שטר עיסקא. אָט איז דער וועג. (עס קומט אַריין בויטרע).

בויטרע. שכּורים? זאָל זיך ניט דערוועגן קיינער. די שטאָט איז מיינע מיט אַלץ מיט אַנאַנדער. איך בין איר רעקרוט. וואָס מען דאַרף צינדן, וועל איך צינדן. איך אַליין.

הויכער קרעטשמער. וואָס הערט איר אים? לאָז, טרייפענער יונג, מירן אים צעטרעטן אויף אַש.

in cohoots

געלער קרעטשמער. ער איז בלאַט מיט אהרן וואָלפן. ער קלייבט זיך נאָך חתונה האָבן מיט סטערען.

בויטרע. ווי? איר אויך אויף מיר? (כאַפּט אַרויס אַ האַק פון אונטערן פּעלץ). כּלבים!

אַלע. איי! (טרעטן אָפּ צוריק).

געלער קרעטשמער. שפיכת דמים! ער וועט אויסהרגענען די גאַנצע וועלט. עוכר ישׂראל!

אַ קליינער ייִשובניק. וואָס האָסטו צו מיר, חיים?

בויטרע (צום געלן). הער, דו ביסט דער זאַסקעווו־צער קרעטשמער?

געלער קרעטשמער. ניין, גאָר, וואָס איז דען? איך ביט.

בויטרע. יענער איז אויך געווען אַ געלער. פאַר צוויי יאָרן, איך בין געלאָפן

מיטן טראַקט. באַנטשע האָט מיך געיאָגט. איך האָב זיך ביי נאַכט אַריינגעכאַפּט צו אים אין פּירהויז. איז ער אַרויס. דער געלער, האָט מיר געגעבן מיט אַ קופּערנעם קענדל איבערן קאָפּ און אַרויסגעוואָרפן.

געלער קרעטשמער. ניט איך. דאָס איז ניט שיין פון זיין זייט. אַ גראָבע זאַך געווען. אדרבה, ער האָט דיך געדאַרפט אַריינעמען אין שטוב און פריטוליען. דו ביסט נאָך אַ יתום אויך דערצו. און אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז אַ יתום דאַרף מען העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך איז.

צווייטע ייִדענע. מאַלע וואָס עס איז אַ מאָל געווען, דאַרף מען טראָגן אַ שינאה אויף דער גאַנצער וועלט?

הויכער קרעטשמער. און וועגן קרעטשמאַרעס פּאַסט צו זאָגן, אַז אַפּעסן און אַ נאַכטלעגער און ברויט מיט אַ ציבעלע האָט מען אַלע מאָל געקראָגן.

בויטרע. איך וועל מיין זאַך אַליין באַשטיין. איכ'ל אַליין. איר וועט מיר געבן ברויט מיט ציבעלע אויפן וועג? מאַראַטשעט ניט דעם קאָפּ. מען האָט מיך געפירט מיט דעם שוואַרצן גאָסטינעץ. יעדע עטלעכע וויאָרסט איז געשטאַנען אייערע אַ קרעטשמע. איך האָב געזען דורך די ברעטלעך פון וואָגן, ווי איר ביי די שווועלן פון די קרעטשמעס זייט געשטאַנען און געריכערט די ליולקעס. צי איז ווער צוגעגאַנגען צו מיר און געגעבן אַ טרונק וואַסער?

אַלע. (שווייגן).

בויטרע. ערשט איצט ווייס איך. אָט די זאַך דאַרף מען טראַכטן לאַנג. עס וויזט זיך אַרויס, אַז קיינער איז מיר ניט שולדיק געווען קיין טרונק וואַסער.

צווייטע ייִדענע. וואָס הייסט שולדיק? ווער זשאַלעוועט עס אַ ביסל וואַסער? (ניכטערט זיך אויס. בויטרע ענטפערט ניט. רוקט זיך אָפּ און זעצט זיך ביי אַ קויף. די קרעטשמאַרעס גייען אָפּ הינטערן וואַלד. די אָנגעשראָקענע פאַלן אויף דער ערד, ווערן אַנטשלאָפן).

אַלטער ייִשובניק מיטן ציגן בערדל (בעט זיך אויס אויף דער ערד צו שלאָפן). הער, חיים, אַזוי לעבט מען ניט, אַזוי וועסטו חס־ושלום אומקומען, אַ מענטש דאַרף צו עמעצן צושטיין. נו יאָ, וואָס זאָלסטו נעבעך טאָן? האָסט דאָך קיין אַנדער ברירה ניט. אָבער מיט די עטלעכע האָלעדראַנצעס דיינע וואָס וועסטו מאַכן? אדרבה, האָסט געדאַרפט ניט איינרייסן זיך מיט ייִשובניקעס, זיי זענען אויך נע ונד ווי דו, און צוזאַמען, איך ווייס! אַוועקפאָרן אין וואַלין... (עס שרייט אַ נאַכטפויגל). וועסטו אפשר זיך דאַרפן ערגעץ צושרייבן.

בויטרע. איך בעט ביי קיינעם ניט. ר' ייִד.

אַלטער ייִשובניק מיטן ציגן בערדל. אָבער אַליין לעבט מען דאָך ניט. (עס שרייט דער נאַכטפויגל). אַליין לעבט אַ סיטש. דו הערסט? ער זיצט אויפן בוים מיט אָפענע אויגן און שעלט די וועלט.

בויטרע. אָבער ער הרגעט אויך אַליין... אַ בייזער יאָר! איך האָב געזען. (עס ווערט שטיל. אַלע שלאָפן איין. בויטרע שפּאַרט אָן דעם קאָפּ צום קויף און בלייבט זיצן אַ לענגערע צייט. זינגט).

ווועלדער שטייען ביי די זייטן,
סאָסנעס און יעלן —
אויף די שליאַכן קלאָגן ייִנגלעך
אין לאַנגע שינעלן.

פייגל זיצן אויף די צווייגן
נאָר סע זינגט ניט קיינער —
ביי די וועגן ליגן אומעטום
די רעקרוטסקע ביינער.

ווועלדער שטייען ביי די זייטן
ווי די גרינע עדות;
אַ טהרה־ברעט וועט מען אַריינטראָגן
צו דעם פּרנס־חודש.

(לעמעלע פּוט לויפט אַריין).

לעמעלע פּוט. אהרן וואָלפּס פורן פלאַקס קומען אָן מיטן שוואַרצן גאָסטינעץ. יאָ. (ביידע אָפּ. עס טאָגט. די קלעזמאָרים קומען אַריין שיכורלעך).

ניסן. שבח, אָט דאָ שלאָפט מען. מיר זענען שוין מסתמא געקומען אַהיים.

שבח. אויב אַהיים, טאָ פאַר וואָס שילט מיך ניט די ווייב?

ניסן. הערסט, ער ווייסט ניט פאַר וואָס, ווייל דו ביסט היינט געקומען ניכטער.

שבח (זינגט). האישה מרת חיה זלאַטע — אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטע. (אַן ניגון). דאָס דרימלען די ייִשובניקעס.

מיירים. און ווו עס טוט אַ פידעלע אַ (יענטש) אויפן קול, און ווו עס טוט פון שלאָף אַ טאַראַבענטש, און ווו עס טוט אַ קלאַג אַ פייפל.

אַלע. דער שיכור מיטן קווערטל, דער שענקער ביי דעם פּאַס, יעקל מיטן פידל, בערל מיטן באַס.

יעקל. דריי מעת־לעת שיכורן — דאָס איז ניט פאַר מיינע כּוחות. ייִדן, איכ'ל פון דעם בראָנפן קריגן די דער.

שבח. טאָ למאַי, יעקל, טרינקסטו?

יעקל. איך טרינק? אָט זי טרינקט. (ווייזט אויפן פידעלע). וואָס זשע מיינסטו. אַ פידעלע דאָס איז דיין טשוקאַלניק? סוכטש מאַראַבוטשו שבח, אַ פידעלע האָט האָלט אַ ביסל בראָנפן.

ניסן. היינט וואָס זאָל שוין זאָגן אַ פייפל? אַ פייפל דאַרף האָבן זייער ווייניק: אַ האַלב קווערטל איז איבערן קאָפּ. אַ פייפל, ווי באַלד דו בלאָזסט, בלאָזסטו דאָך שוין אַריין דיינע מענטשלעכע געדאַנקען. ורוח אלהים... אָבער אַ פידעלע אַרבעטסטו דאָך נאָר מיט די הענט. אַ האַק שפּילט? ס'איז דאָך פיר סטרונעס מיט אַ האָלץ, אַז ס'זאָל כאַפּן פאַרן האַרצן. איר הערט, קדושים, אָן דעם גוטן כּוס וועסטו מיט אַ פידעלע ניט אַדורכקומען.

שבח. נעם צו ביי מיר די ווייב, וועל איך אייך שפּילן אַפילו אויף אַ פלאָקן.

מיירים. און אָט, אַז איך דאַרף שפּילן אויפן גאָרגל. דאָס, ברוך השם, פאַרשטייט איר ניט, אַז אַ מאַרשעלעק איז שווערער פון אַלץ.

יעקל. אַ האַק שפּילט אויף אַ גאָרגל.

בערל באַס. שיכורים, צו אַל די שוואַרצע יאָר! איר וועט האָקן גיכער צי ניט? מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

יעקל. אַ קלעזמער האָט ניט קיין עולם־הבא. ער לעבט נאָר צוליבן שפּילן. און אויב עס איז אים אַ שאַד צו שטאַרבן, איז עס נאָר דערפאַר ווייל ער דאַרף זיך געזעגענען מיט דער כּוסע.

בערל באַס. נו גיי שוין קערעש, מיר'ן נאָך פאַרשפּעטיקן צו דער חתונה.

ניסן. (זינגט). און ווער וועט קומען צו ר' אהרן וואָלף אויף דער חתונה?

מיירים. און ווער וועט קומען צו ר' אהרן וואָלף אויף דער חתונה?

דער רב מיט דעם באַלעמער,
די קראָמען מיט די קרעמער,
דער שולהויף און די באָד,
דער שוחט מיט דעם חלף
דער שבת מיט דער חלה
דער ברונעם און די ראָד.

אַלע. דער שיכּור מיט דעם קווערטל.
דער קרעטשמער מיטן פּאַס —
יעקל מיטן פידל
בערל מיטן באַס.

(בויטרע שפּרינגט אַריין אין וואַלד אַ פאַרסמאַליעטער, עס טראָגט פון אים אַ רויך).

בויטרע. ווער זייט איר? (די קלעזמאָרים איבערגעשראָקענע רוקן זיך איינער צום צווייטן).

יעקל. מיר זענען קלעזמאָרים. מיר גייען פון אַ באַל ביי די זשעליכאָוויצקיס. זייט מוחל, און ווער זייט איר?

בויטרע. בויטרע.

אַלע [פעלט אין כּתב־יד].

בויטרע. און וואַהין גייט איר?

מיירים. מיר דאַרפן באַווייזן אויף אהרן וואָלפס חתונה ביי דער טאָכטער. ביי די זשעליכאָוויצקיס האָט מען אַריינגעגראָבן אין דער ערד פעסלעך מיט בראָנפן, ווי די קרעניצעס. האָט מען, ברוך השם, געזופט פון אַיעדער קרעניצע, און איצטער ווי איר זעט, דרייט זיך דער וואַלד אַרום אונדז. מע קאָן אַהיים ניט דערגיין.

בויטרע. היינט איז די חתונה?

אַלע. היינט.

בויטרע. דו גיב אַהער דיין פויק! (נעמט אַראָפּ פון שבחן די פויק. טוט אָן אויף זיך). ווו קלאַפּט מען? אָט אַזוי? איך גיי מיט אייך אויף דער חתונה.

מיירים. מיר זענען אָרעמע קלעזמאָרים, וואָס ווילט איר האָבן?

בויטרע. די צונג צווישן די ציינער! אַ בייזער יאָר! שווייגן אויף דער חתונה און הערן וואָס איך וועל זאָגן!

שבח. בויטרע, האָט רחמנות, איכ'ל אייך ניט געבן דעם פויק. איך קאָן ניט. וואָס וועל איך טאָן אַ גאַנצע נאַכט אָן אַ פויק? אַ קלעזמער האָט משוגענע בלוט, האָט רחמנות. נעמט אפשר ביי בערלען דעם באַס!

בערל. אָקס! איכ'ל דיר באַלד געבן אַ באַס, וועט דיר ווערן קאַלט און נאַס!

שבח. האָט רחמנות, מיין ווייב טרייבט מיך פון שטוב, איך קאָן ניט אָן דעם פויק.

(לינקס באַווייזט זיך אַ שטאַרקער רויך. דער הימל ווערט רויט, אַלע קערעווען זיך אויס אַהין. לעמעלע פּוט, אויך אַ פאַרסמאַליעטער, קומט אַריין).

מיירים (טוט אַ געשריי). ס'ברענט!

יישובניק מיטן ציגן בערדל (כאַפּט זיך אויף פון שלאָף). ייִדן, ס'ברענט די שטאָט!

הויכער קרעטשמער (שפּרינגט אויף). סע ברענט די שטאָט! אַ שטראָף פון גאָט פאַר רודפן די יישובניקעס.

ערשטע ייִדענע. ווו ברענט? ווער ברענט!? שמוליע, ראַטעווע דאָס בעט־געוואַנט! ער איז שיכּור! ווו זענען די קינדער? (די קרעטשמאַרעס שפּרינגען אויף. מע לויפט ווי איבערגעשראָקענע איבערן וואַלד. אַנדערע נעמען זיך פּאַקן).

לעמעלע פּוט. ס'ברענען אהרן וואָלפס פורן פלאַקס אויפן גאָסטינעץ.

איינער פון די קלעזמאָרים. וועלן מיר האָבן אַ ליכטיקן וועג.

פאָרהאַנג.

דריטער בילד

אַ חתונה ביים פּרנס־חודש אין שטוב. דאָס אייגענע צימער ווי אין ערשטן אַקט. אַ טיש פאַר מאַנסבילן, אַ טיש פאַר ווייבער. די כּלה זיצט אונטערן שלייער, דער מאָהילנער רב און דער חתן יאָסעלע — ביים מאַנסבילשן טיש אויבנאָן. אין מיטן זיצט בויטרע מיט אַ פויק, צווישן די איבער־געשראָקענע קלעזמאָרים. אין גרויסן אָפענעם פענצטער פון דרויסן שטופּן זיך אָרעמע־לייט. דער קרעטשמער מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ, דער געלער קרעטשמער. לעמעלע פּוט שטייט די גאַנצע צייט אין פענצטער. די מחותנים עסן און טרינקען.

יונגער מחותן מיטן זיידן טיכל. משה חיים, וואָס איז מיט דיר? דו קאָנסט דאָך ניט נעמען קיין ביסל, פּע!

מאָהילנער רב. לחיים, מחותנים, מע זאָל טרינקען אויף שׂימחות!

מחותנים. לחיים! לחיים!

מאָהילנער רב. וואָס זיצט איר אַזוי פאַרזאָרגט, מחותנים? משׂמח זיין חתן־כּלה איז אַ גרויסע מיצווה. אויב עס האָט געטראָפן חס־ושלום, אַז מען האָט צוגעזלט די אויסשטאַטונג, האָט נאָך ר' אהרן וואָלף, אונדזער פּרנס־חודש, נאמנות.

אהרן וואָלף. מחותן, מאָהילנער רב! מיינע קינדער, האָף איך, וועלן, ברוך השם, האָבן זייער אויסקומעניש.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ (אין פענצטער). די יישוב־ניקעס בידעווען אין די וועלדער, און דאָ פּראַוועט מען גאָר חתונות. נישקשה, מע וועט נאָך אַליין אַריין אין שטאָט צוזאַמען מיט בויטרען און מע וועט ברענען און צינדן.

קלמן גיטעלעס. וואָס איז עס פאַר אַ ייִד אַ יישובניק? ווי אַזוי איז ער אַריין אין שטאָט?

געלער קרעטשמער (אין פענצטער). מערדער, מען דאַרף דאָך אייך שינדן פּאַסנווייז.

אהרן וואָלף. באָנטשע, ווו איז באָנטשע? ער איז נאָך גאָר ניט צוריקגעקומען? למאי גיט ער ניט אַכטונג!

מחותן משה חיים. חתן, זאָלסט זיין אַ מענטש!

יונגער מחותן מיטן זיידן טיכל. יאָסעלע, אַ ווייב איז ריחַים על צוארו.

מחותן משה חיים. דו זאָלסט געבן דיין אישה מזונות און הלבשה, דו הערסט? (אַלע לאַכן).

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק. האַלט זיך ווי מענטשן, אַ בייזער יאָר

אויף אייך! ס׳איז דאָך ניט שיין! זייט מוחל, מחותן, אפשר וועט איר מיר געבן אָט דאָס שטיקעלע לעקעך, אָט דאָס, יע!

אהרן וואָלף. באַנטשע, למאי לאָזט מען אַריין אָט די אַלע שנאָרערס אין הויף?

דער באַוואַקסענער אָרעמאַן. ייִד, גיט אַ שנאַפּס, ס׳איז מיר טרוקן אין גומען.

יחיאל מלווה (זיצט די גאַנצע צייט און טונקט לעקעך אין בראָנפן). חצוף, פּע, ס׳נעמט זיי גאָר ניט די כּפּרה.

קלמן גיטעלעס. גענוג אייך שוין צו קייען, יחיאל. עס איז דאָך אַ שאַנדע פאַר לייטן, עס קומט דאָך אויס, אַז איר האָט קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט שוין עטלעכע טעג...

יחיאל מלווה. און אַז פון אייך, ר׳ קלמן, טראָגט מיט קאַטוך איז בעסער? טוט אַ מאָל אַ שמייכל, ווי איז עס אַ ייִד אַזאַ מרה שחורה? וואָס האָט איר צו דער וועלט? אַ ייִד, רק ער קוואַקעט און קוואָקעט. (טונקט איין אַ שטיקל לעקעך און קייט ווייטער).

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. מחותנים, אַז ס׳זאָל אייך דונערן אין די ביינער אין איר זאָלט מיינען אַז איר ציילט געלט.

אהרן וואָלף. באַנטשע, ווו איז ער?

מחותן משה חיים. כּלה, דער אייבערשטער זאָל געבן, אַז דו זאָלסט ווערן אין אַ גוטער שעה נתעלה.

מחותן מיטן זיידן טיכל. הער, משה חיים, דו ביסט דאָך דער אמתער בדחן, גיס אָן! וואָס איז עס מיט די קלעזמאָרים, איר זיצט דאָך עפּעס היינט ווי געליימטע.

אהרן וואָלף. קלעזמאָרים, נו, וואָס טראַכט איר זיך? אַ פריילעכס! עס איז ביי מיר אַ שימחה צי ניט? ווו איז אייער שבחקע?

יעקל (צו מיירימען). קערעש, וועגן טשוגאַלניק רייד פון ביגראַלניק!

מיירים. שבח, איז עפּעס ניט בקו הבריאה, מיר האָבן דאָך דיך גענומען אַנשטאָט אַ יונגען קלעזמער.

אהרן וואָלף. וואָס קוקט ער אַזוי, דער נייער קלעזמער? עפּעס פּונקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים געווען שולדיק. (צו בויטרע). דו ביסט שטום, בחור?

בויטרע. איך בין שטום.

אהרן וואָלף. ווו האָסטו דאָס אויסגעפונען אַזאַ קלעזמער? אַ יונגערמאַנטשיק אַן אַנטלאָפענער מסתמא ערגעץ פון אַ קהילה. באַנטשע! ווו איז באַנטשע? (לויפט צו די מחותנים). מחותנים! וואָס חלומט איר? נעמט עפּעס אין מויל, אַזאַ שימחה.

באַוואַקסענער אָרעמאַן. מחותן, גיט כאָטש פאַר אַלע אָרעמע־לייט איין געבראָטענע גאַנדז, ס׳ווילט זיך קייען.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק (אויף יענער זייט פענצטער). גראָבע יונגען, וואָס איז דאָ ביי אייך, אַ הקדש? מע טאָר דאָך אייך אין קיין ייִדישער שטוב ניט אַריינלאָזן! (צו מחותנעסטע). ייִדענע, גיט עפּעס, איך האָב שוין דריי טעג אין מויל ניט געהאַט, אויף מיין וואָרט.

מחותנים. שאַט! שאַט!

בויטרע צו די קלעזמאָרים. שפּילט! (די קלעזמאָרים הייבן אָן צו שפּילן אַ שרעקלעך ציטערנדיקע מעלאָדיע. מיידים זינגט צו הייזעריקלעך, מאַכנדיק פאַרשיידענע העוויות. די מחותנים ווערן שטיל. עס דערהערט זיך אַ געוויין ביים ווייבערישן טיש).

יחיאל מלווה. וואָס איז עס פאַר אַ ניגון? הערט אויף!

מחותן מיטן זיידן טיכל. ניט ווי אַ שימחה. ווי אַ באַגרעבעניש, רחמנא ליצלן. הערט אויף, די ווייבער וויינען.

אהרן וואָלף. וואָס איז׳עס פאַר אַן אָנשיקעניש, איר זייט שיכּור? (די קלעזמאָרים הערן ניט אויף, זיי שפּילן און ציטערן. מיט אַ מאָל דערהערט זיך עפּעס אַ געשריי פון אַ ייִדענע אין פענצטער. דאָס שפּילן רייסט זיך פלוצלונג איבער).

ייִדענע אין פענצטער. וואָס זיצט איר דאָ אויף שימחות? מיין ירחמיאל האָט מען דאָך באַראַבעוועט אין קרעווער וואַלד, ער איז די גאַנצע נאַכט געלעגן געבונדן. איך האָב אים ניט מיט וואָס צו אָטכייען.

מחותנים. ווו? וואָס? וואָס רעדט זי? ווען האָט מען אים באַראַבעוועט?

קלמן גיטעלעס (שפּרינגט אויף). איי! מיינע עופות. איך בין בדיל־הדל געוואָרן! ס׳אַ ליגן! קיינער האָט אים ניט באַראַבעוועט! ירחמיאלקע איז וואָס אין דער קאָרט. יחיאל מלווה, וואָס שווייגט מען די ייִשובניקעס? (לויפט אַרויס).

מאָהילנער רב. טאַקע די ייִשובניקעס? רחמנא ליצלן?

מחותן משה חיים. ניין, גאָר חבר בויטרע!

אהרן וואָלף. מחותנים, פאַרשטערט ניט די שימחה. היינטיקע צייטן קאָן אַלץ טרעפן, און קלמן גיטעלעס איז ניט בעסער פון אַנדערע. לחיים, מחותנים, עס איז די חתונה פון מיין איינציקער טאָכטער, און אַ גערעטענע טאָכטער, נעמט קרובים, מחותנים, נעמט צו ביסלעך. און וואָס איז מיט די קלעזמאָרים? אויף די פריצישע בעלער זייט איר זיך אויך אַזוי נוהג? מאַרשעלעק, באַווייז עפּעס פון די פריצישע בעלער.

מחותן מיטן זיידן טיכל. די קלעזמאָרים זענען עפּעס גאָר ניט ווי קיין קלעזמאָרים.

יחיאל מלווה. וואָס אַרט עס זיי, אַז זיי וועלן פאַרשטערן אַ חתונה? חצופים!

מחותן משה חיים. נו, קלעזמאָרים, זאָגט עפּעס.

מיירים (הייבט זיך אויף, גייט אַרויס אין מיטן צימער, דרייט איבער דאָס היטל, פאַרוואַרפט אַ פּאָלע פון דער קאַפּאָטע אויפן אַקסל. דאָס פאַרשטעל איך זיך, מחותנים! זייט שטיל און איך וועל אייך קודם־כּל דערציילן אַ מעשׂה נורא וועגן דעם קיניג פון די חיות, דעם לייב, וואָס האָט געפירט צו דער חופּה זיין טאָכטער, אַ גערעטענע טאָכטער.

יחיאל מלווה. שאַט, שאַט, מיירימקע וועט קודם־כּל דערציילן אַ מעשׂה.

מחותן משה חיים. שטיל זאָל זיין! מע הערט דאָך שוין ניט אַרויס קיין וואָרט.

מיירים. אַז דער מלך פון די חיות — דער לייב — האָט געדאַרפט חתונה מאַכן זיין טאָכטער, האָט ער פאַרבעטן אויף דער שימחה אַלע חיות און פייגל פון וואַלד. די חתונה האָט ער אָנגעגרייט כּיד המלך, — פישן, פליישן וכל מטעמים, אַלעמען האָט דער מלך פאַרבעטן צו דער שימחה, נאָר איינעם האָט ער ניט פאַרבעטן — דעם בידנעם וואָלף, מחמת מען האָט דעם מלך אָנגערעדט, אַז דער וואָלף גייט כּלומרשט אויס נאָך זיין טאָכטער, די יפת תואר. ממש נפשו קשורה בנפשה. און דאָס איז ניט שיין פאַר אַ לייב, אַז זיין טאָכטער זאָל ניט נעמען פאַר איר באַשערטן אַ מאַן אַ לייב, אַ מלך בן מלך. וואָס טוט, נעבעך, דער בידנער וואָלף? האָט ער זיך פאַרשטעלט אין אַ פרעמדער פעל און איז אויך געקומען צו דער שימחה. מע קייקלט אַרויס די קויפן בראָנפן, אַ טיש פאַר מאַנסבילן, — זיצן די לייבן, די בערן, די לעמפּערטן און אַנדערע סאָרטן חיות. אַ טיש פאַר ווייבער — זיצן די אַלע פייגל, די אַלע עופות, די ראָבן און קוואָקעס, דער אויערהאָן, די פלעדערמויז און די בת היענה. הייבן אויף די לייבן די גרויסע קולות, פאַרקאַשערן

די בערד און שרייען: לחיים, מחותן! די בערן זיצן אין די פעלצן, טונקען דעם לעקעך אין בראָנפן און בורטשען: לחיים דיר, כלה! אַלע זענען זיך משׂמח, אַפילו די ציגן. אַפילו די בעק, אפילו די חזירים פון דער בלאָטע, און קיינעם גייט ניט אָן דער וואָלף, וואָס זיצט אַליין אין אַ ווינקל און ס׳איז אים נעבעך פינצטער און ביטער. נאָר איינער דער זינגפויגל, דער סאָלאָוויי, איז געזעסן אויף אַ צווייג און האָט זיך אָפגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט געזונגען וועגן דעם בידנעם מזל פון וואָלף, — איי, איי, איי! פאַר וואָס איז ניטאָ קיין יושר אויף דער וועלט, פאַר וואָס?

מחותן משה חיים (שרייט). וואָס איז דאָס פאַר אַ פלוידעריי? ס׳קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

מחותן מיטן זיידן טיכל. אַז דאָס איז שיכּור, ניט דאָ געדאַכט, אייביק שיכּור!

מיירים. לאָזט! לאָזט! איצט וועל איך פון די פריצישע בעלער אייך אויסזינגען אַ שיר פון דעם דייטשישן משורר שילער, אַ מקורב צו דעם דייטשישן מלכות. דאָס איז האָפליאַ־וואָפליאַ מיט אַ גרויסן מוסר־השׂכל, וואָס אַ מענטש דאַרף זיך דערפון אָפלערנען.

מחותן משה חיים. וואָס פאַר אַ לשון? אויף דייטשיש? אויף לשון אשכּנז? אויף דעם בייער־לשון? גוט.

מחותנים. שאַט, שאַט, ווייבער! לאָזט הערן!

מחותן מיטן זיידן טיכל. מע זאָגט, מיירים, אַז דו קוקסט אַריין אויך אין מנשהקע איליערס שקל הקודש — ס׳איז אמת צי ניט?

מיירים. דער שיר הייסט זענזוכט. דאָס איז דער טייטש בענקעניש. וואָס אַ מענטש בענקט (זינגט):

אַך אַאוס דיזעס טאַלעס גרינדען
די דער קאַלטער נעפּל דריקט,
קענט איר דען איין אַאיסוועג פינדען,
אַך ווי פיל איך מיך בעגליקט:
דאָרט ערבליק איך שיינע היגעל
עוויג יונג און עוויג גרין.
העט איך שווינגע, העט איך פליגעל —
נאַך די היגלען צי איך הין!
האַרמאָניען הער איך קלינגען,
טענער זיסע, הימעלרו,
און די לייכטע ווינטען ברינגען
מיר די טיפסטע באַלזאַם צו.

מחותן מיטן זיידן טיכל. טיף, זייער טיף. דאָ איז פאַראַן מאָראַל אַ סך.

מחותן משה חיים. אַ מאַדים אַ ייִד.

מחותן. וואָס רעדט איר? ער איז דאָך אַ געראָטענע כּלי, נאָר, נאָר אַ פּוסטע זאַך.

יחיאל מלווה. די פריצים ווייסן וואָס עולם־הזה איז!

מיירים (זעצט זיך צוריק צו בויטרען). וואָס העלפט, אַז מען איז ברוך השם אין געפענקעניש! (בויטרע גיט אויף אים אַ קוק מיט דאַנקבאַרקייט).

מאָהילנער רב. און איצט, מחותנים, וועט דער חתן ווייזן וואָס ער קען, כּדי משׂמח זיין דעם עולם, וועט דער חתן זאָגן אַ שטיקל חילוק מעניני. נו, יאָסעלע!

מחותן משה חיים. חתן, ווייז וואָס דו קענסט!

אַ ייִדענע. ער האָט מורא.

אַ ייִדענע פון ווייבערשן טיש. נו, וואָס זשע ווילט איר, דעם ערשטן מאָל צווישן מענטשן.

מיירים. החתן, הרב, הגאון ר׳ יאָסעלע בהרב הגאון ר׳ אשר, מרא דאתרא דק״ק מאָהילנע וועט זאָגן אַ שטיקל תורה!

מחותנים. שאַט, שאַט, לאָזט הערן.

יאָסעלע (מיט אַ גמרא ניגון). ראובן נעמט אין פאַכט אַ פאָסעסיע מהזשאָנדצע פאַטשאָטשע של האדון, למשל, זשעליכאָוויצקי, בקאָנטראַקט על גימל שנים. אַז ראובן האָט געדונגען אַ פאָסעסיע פון דעם זשאָנדצע פאַטשאָטשע, פון דעם פריץ, למשל, זשעליכאָוויצקי, אויף אַ קאָנטראַקט, ווי דער שטייגער איז, אויף דריי יאָר, ויבוא שמעון ולקח את העסק הזה, את הפאָסעסיע מהזשאָנדצע פאַטשאָטשע של האדון זשעליכאָוויצקי, כּדומה למשל, איז געקומען שמעון און האָט צוגענומען דיזן עסק, די פאָסעסיע פון דעם זשאָנדצע פאַטשאָטשע, פון דעם פריץ זשעליכאָוויצקי, כּדומה למשל.

ערשטער דיין. מתוק מדבש!

מחותן משה חיים. מע זעט אַז דאָס וואַקסט אַ שיינער סוחר.

אַ ייִדענע. דאָס וועט זיין דער גרויסער פּאָדריאַטשיק אין די הונדערטער טויזנטער.

יאָסעלע. וטוען שמעון, און שמעון טענהט שבא הזשאָנדצע פאַטשאָטשע ויאמר, אַז ס׳איז געקומען צו אים דער זשאָנדצע פאַטשאָטשע און האָט געזאָגט: שראובן אינו רוצה להחזיק על להבא, אַז ראובן וויל ניט האַלטן די פאָסעסיע אויף. ווייטער. וגמרתי אנכי, האָב איך מיט אים געמאַכט דעם געשעפט, ונתתי לו אופגאָב, איך האָב אים געגעבן אַן אופגאָב, וקבלתי ממנו צעטל, און איך האָב באַקומען פון אים אַ צעטל.

אַ מחותן. איי, אַ געראָטענע זאַך, ער ווייס שוין, אַז מע דאַרף נעמען פון אים אַ צעטל.

מאָהילנער רב. וואָס רעדט איר, מיין יאָסעלע.....

אַ ייִדענע. איי, דער קול התורה, דער קול התורה, וואָס צעגיסט זיך איבער אַלע גלידער ווי טייערער בוימל.

יאָסעלע. והיה בדעתנו, און עס איז שוין געווען אַפילו אין אונדזער דעה לנסוע למשל — לבאַברויסק לעשׂות קאָנטראַקט, צו מאַכן אַ קאָנטראַקט. איז ווי זשע איז דער דין, מורי ורבותי, — צי איז טאַקע שמעון משׂיג גבול ראובנען, צי איז שמעון ניט משׂיג גבול ראובנען? (די כּלה שפּייט אויס, די ווייבער ביי זייער טיש באַמערקן עס. מע הייבט זיך אָן שושקען).

אַ ייִדענע אין צירונג (שטילערהייט). אַז מע האָט געלאָזט פאַרזיצן אַ מיידל — וואָס קאָן שוין זיין פאַר אַ גוטס?

אַלע. אַן עילוי!

משה חיים. אַן אָפענער קאָפּ!

ערשטער דיין. דאָס איז תורה ומיסחר במקום אחד.

דער באַוואַקסענער אָרעמאַן (אין פענצטער). ווען וועט מען שוין דערלאַנגען די געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ, מיט די גראָבע שטיקער גריוון פון אייבן? בעלי־בתים, וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן, זאָל מען שוין שטעלן די חופּה.

(עס קומט אַריין זימל שרייבער מיט צוויי פּורמאַנעס. די פּורמאַנעס זענען פאַרסמאַליעט, איינגעריכט אין סאַזשע).

אהרן וואָלף. האַ? וואָס? די פלאַקס? איך זע (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ). רעדט מיר ניט, זאָגט ניט. איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי!

ביילע (ברעכט די הענט). איי, די פלאַקס!

אהרן וואָלף (שרייט). עס איז ביי מיר אַ שימחה! וואָס זייט איר געקומען? ווער בעט אייך? איך דאַרף ניט קיין פלאַקס! איך דאַרף ניט קיין לייב און לעבן! גייט מיט די פּורמאַנעס, זימל, גיי פון דאַנען! (ער שטויסט זיי אַרויס).

בויטרע. כאַ־כאַ־כאַ! (אַלע קוקן אויף אים. אַ טויטע שטילקייט).

אהרן וואָלף. איך וועל ניט דערלאָזן קיין גראָבע יונגען! איצטער איז ביי מיר אַ שימחה! באַנטשע... ווו איז באַנטשע! זאָל ער אַרויסקייקלען אויפן הויף בראָנפן פאַר די אָרעמע־לייט. ביילע, שטעל אַרויס אויפן טיש די זילבערנע כלים, די פאָרצעלייענע געשיר! עס איז ביי מיר אַ שימחה, צי ניט? מחותנים, וואָס שווייגט איר? לחיים! (ער טרינקט אויס, קיינער טרינקט ניט מיט). וואָס איז, איך טרינק אַליין? אַזאַ שימחה! (מאַכט זיך פריילעך). משה חיים, וואָס איז מיט דיר? העלף אונטער. (זינגט). הרחמן הנשׂגב, הרחמן הנשׂגב, יתברך ויתעלה, על כּוס מלא, על כּוס יין מלא, כּברכּת אדוני.

מחותנים. אַ גרויל, אַי אַ חתונה! דאָס האַרץ זאָגט עפּעס ניט אויף גוטס. (ביסלעכווייז הייבן אַלע אָן מיטזינגען). על כּוס יין מלא, כּברכּת אדוני.

אהרן וואָלף. לעבעדיקער! לעבעדיקער! פריילעכער! יחיאל! מיר׳ן גיין אַ טענצל? (כאַפּט אַרום יחיאל מלווה און פרוווט מיט אים טאַנצן).

יחיאל מלווה. לאָז, אהרן וואָלף! לאָז אָפּ! ביי מיר איז, ניט פאַר דיר געדאַכט, דער גילדערנער אָדער.

אהרן וואָלף. אַזאַ שימחה! אַזאַ שימחה! (טאַנצט אַליין, שפּרינגט ווי אַ באָק, אַלע פּאַטשן מיט די הענט).

אוי מחותן, האָפּינקע,
מיט די פיס אַ טאָפּינקע!
מיט די הענט אַ מאַכינקע,
מיטן מויל אַ לאַכינקע!

געלער קרעטשמער (אין פענצטער). חזיר, האָסט געלט? זיי מיין מחותן, הוליעט, הוליעט ביז אין קבר אַריין!

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ (אין פענצטער). נעמט אַ גראַ װאָס הייסט בליאַקעץ און לייגט אים אַרויף אויף הייסע קוילן, וועט איר קריגן בויכווייטיק.

אהרן וואָלף. וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש! וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר די קרעטשמאַרעס? אַוועק פון דאַנען, טרייפענע ביינער! ווי זענען זיי אַריין אין שטאָט? דער אַסעסאָר צו אַל די שוואַרצע יאָר, באַנטשע! ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן? ער האָט דאָך געדאַרפט קומען צו דער חתונה, באַנטשע!

מחותן מיטן זיידן טיכל. די קרעטשמאַרעס פירן זיך אויף טאַקע צו פיל!

לעמעלע פוט (אין פענצטער). באַנטשע איז שוין מער ניטאָ. נעכטן ביי נאַכט האָט בויטרע אין קרעוווער וואַלד דערהרגעט באַנטשע קאָט.

מחותן משה חיים. וואָס רעדט ער? אַוועק פון דאַנען, אויסוואָרף! אַוועק!

(די כלה סטערע טוט זיך אַ הייב אויף פון אָרט, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם שלייער, לאָזט פונאַנדער אירע האָר).

מחותנים. איי, וואָס טוט זי?

ייִדענע אין צירונג (פאַרברעכט די הענט). וויי צו די אויגן וואָס זעען דאָס, וואָס טוט זי? (סטערע גייט אַראָפּ פון שטול מיט יאָמערלעכן רעטשיטאַטיוו, ביי אַלגעמיינער טויטשטילקייט).

סטערע:

ווי אַזוי צעשיידן מיר זיך, מיינע יונגע יאָר?
צוליב וועמען זאָל איך אָפּשערן מיינע האָר?
לאָזט מיך חברטעס פון כלה־שטול אַראָפּ
איכ׳ל באַדעקן מיט אַש דעם קאָפּ.

די שטערן האָבן זיך אין ים געשטערנט
די וואַלן שלאָגן צום ברעג:
אַן אמת וואָרט האָסטו מיר געגעבן —
ווו ביסטו, מאַן מיינער, אַוועק?

(בויטרע הייבט זיך אויף פון שטול. ער נעמט זעצן אין פויק און גיין אויף די מחותנים. דער עולם רוקט זיך אויף צוריק, קוקט אויף בויטרען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן).

בויטרע. גענוג! האָדי! חתונות וועט איר פּראַווען אַן אַנדערש מאָל! מאַרש! אַט דוואַ! אַט דוואַ! אָסאַדי נאַזאַד.

סטערע. אָט איז ער!

מחותן. איי בויטרע! (לעמעלע פוט שפּרינגט אַריין אין צימער, ס׳ווערט פינצטער).

אַ שטים. ווער האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער?

אַ שטים. ווו איז בויטרע, ווו?

אהרן וואָלף. ווו איז ער? וואָס איז דאָ? איכ׳ל עוקר מן השורש זיין! ווו!

יחיאל מלווה. איי, מע ראַבעוועט! ראַטויטיע! ראַטויטיע!

אַ ייִדענע. מיינע אָרלאַנער פּערל! ראַטעוועט ייִדן, ראַטעוועט!

פאָרהאַנג.

פערטער בילד

דאָס זעלבע צימער ביים פּרנס־חודש אין הויז. בית־דין און שיינע בעלי בתים פון שטאָט זיצן ביים טיש, גייען אַרום איבערן צימער. יחיאל מלווה, קלמן גיטעלעס, די קלעזמאָרים זיצן אין ווינקל. אהרן וואָלף שטייט ביים ארון־קודש, בלייך. ער איז פאַר דער צייט גראָ געוואָרן. זימל שרייבער זיצט ביים טיש און מאַכט טינט.

רב (שטיל): בית־דין האָט גוזר תּענית געווען. שמשים זיינען אַוועק אַדורכקוקן די מזוזות פון שטאָט. וואָס קאָן בית־דין נאָך טאָן?

מחותן מיטן זיידן טיכל. ניט גוט, ניט גוט, און ווו איז זי, ביי אים?

זימל שרייבער. שאַט, רעדט ניט!

מיירים (פון אַן אַנדער ווינקל). אַז וואָס האָבן מיר געקאָנט מאַכן? פּיקוח נפש, אַז מע שטייט מיט אַ מעסער צום האַלדז. אויף דעם, זעט איר, זענען מיר קיין בריהס ניט.

משה חיים. כ׳ווייס, אַ ווונק זאָגט.

120

מ י י ר י ם. דוכט זיך, אַז בלינדע האָבן אויך געקאָנט זען. צי אַזוי זיצן קלעזמאָרים איף אַ חתונה? עס האָט אויף אונדז געציטערט די הויט.

ר ב. ששש... שאַט, וואָס קאָנט איר דאָרט ניט אַדורכקומען?

י ע ק ל. אַ קלעזמער ווייס פון גאָר ניט. ווער ס׳האָט אים — יענעם שפּילט ער. און וואָס מיינט איר? קלעזמעריי איז נאָר אַ פּרנסה? זעצט מיך אַוועק אַקעגן דעם מלאך־המות, וועל איך ערשט שפּילן. אָט דאָס איז קלעזמעריי.

ש ב ח. שטאָט זעט, אַז שבחס פּויק איז געקומען און שבח איז ניטאָ; איז אַ סימן, אַז די חתונה איז קיין חתונה ניט. איך בין 35 יאָר אַ קלעזמער.

ב ע ר ל ב אַ ס. וואָס האָט איר געוואָלט, אַז מיר זאָלן לייגן דאָס לעבן? פֿאַר וועמען? אָט איז ביי מיר אַ קינד אַוועקגעפאַלן אויף סקאַרלעטינע, האָט מיר ווער געהאָלפן?

ז י מ ל ש ר י י ב ע ר. ששש... קלעזמאָרים, שטילער אַ ביסל!

י ח י א ל מ ל ו ו ה (זיצט און וויינט). מע האָט מיך איבערגעלאָזן אין איין העמד. ווו זאָל איך זיך ווענדן, ווו זאָל איך זיך קערן? רוצחים! מערדער! וואָס האָב איך וועמען געטאָן? צי האָב איך אַ מאָל אָנגערירט אַ פליג אויפן וואַנט?

ק ל מ ן ג י ט ע ל ע ס (גייט אַרום, ברעכט די הענט). איי, מיינע עופות! אהרן וואָלפקע! אהרן וואָלפקע! ער האָט אונדז אומגעבראַכט! איי, איי, איי.

ר ב. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רייד? ר׳ קלמן? עס איז ניט שיין. (קוקט אויפן וואַנט־זייגער). שוין באַלד מינחה־צייט און עפּעס זעט מען ניט דעם פּראָסטן המון. מע דאַרף דאַוונען היינט מינחה בציבור. זיי מיינען אַפּנים, אַז צרות הכלל איז ניט זייערע צרות. און וואָס זיצט איר אַזוי, גבאי?

מ ח ו ת ן מ י ט ן ז י י ד ן ט י כ ל. ביי מיר איז אַ שוואַך האַרץ, ניט פֿאַר אייך געדאַכט. אַ תענית מאַכט מיך אויס מענטש. (נעמט עפּעס אַרויס פון קעשענע און שמעקט).

א ה ר ן ו ו אָ ל ף. זימל, גייט אַרויס, רופט צונויף דעם פּראָסטן עולם, מע דאַרף זאָגן תהילים בציבור. די גאַנצע שטאָט! (זימל גייט, פאַרטשעפּעט זיך אין אַ בענקל. דאָס בענקל פאַלט).

אַ ל ע. איי!

ק ל מ ן ג י ט ע ל ע ס (כאַפּט זיך פֿאַרן בוזעם). ווו איז מיין טייסטער!

ז י מ ל ש ר י י ב ע ר. ס׳איז גאָרניט, ר׳ קלמן, אַ בענקל איז געפאַלן.

ק ל מ ן ג י ט ע ל ע ס. ליימענער גולם. זעט ניט ווו ער גייט! שטענדיק מיט דער פּעדער אונטער דעם אויער, גאַווראָניעט ווי אַ וואָראָנע.

ז י מ ל ש ר י י ב ע ר. איך דאַרף היינט שרייבן אַ פּראָשעניע. (אָפּ).

מ ש ה ח י י ם. מיט די שרייבער וועט איר גאָרניט מאַכן: אָדער מען איז חס־ושלום אַן אַפּיקורס, אָדער גאָר אַ גולם.

ע ר ש ט ע ר ד י י ן. ר׳ אהרן וואָלף, איר דאַרפט אפשר זיך נאָך אַ מאָל אַדורכשמועסן מיט דעם אַסעסאָר?

א ה ר ן ו ו אָ ל ף. כ׳ווייס ניט.

י ח י א ל מ ל ו ו ה. איי! און ווער האָט פון מיר ניט געהאַט? אַ בעל־מלאכה דאַרף אויסקויפן אַ שטיקל סחורה, אַ טאַנדעטניק דאַרף פֿאָרן אויפן יאַריד, אַן אלמנה פלעגט אויך קומען נעמען אויף שבת. איז אָט האָסטו דיר דעם שכר. איי, איי, איי!

מ ש ה ח י י ם. מע וואָלט געדאַרפט זען מאַכן אַ טאָלק מיט די ייִשובניקעס. זיי

ווילן דאָך חרוב מאַכן די גאַנצע שטאָט. וואָס זאָגט איר, ר׳ אהרן וואָלף? (אהרן וואָלף שווייגט. עס קומט יאַנקל שוסטער אין אַ פאַרטעך און אַ רעקל, בלייבט שטיין ביי דער טיר).

י אַ נ ק ל. גוט מאָרגן, בעלי־בתּים.

(יאַנקל גייט צו, זעצט זיך).

ר ב. קום אַריין, יאַנקל, זעץ דיך אָט דאָ. אין אַ צרה זענען, ברוך השם, אַלע גלייך.

מ ש ה ח י י ם. איי, איי, איי, אַ חתונהקע, אַ חתונהקע! (עס קומען אַריין ייִדן פון פּראָסטן המון — בעלי־מלאכות, אָרעמע־לייט, באַלעגאָלעס, ירחמיאל בעל־עגלה מיטן בייטש, — אַלע קוקן אויף דעם ברייטן אהרן וואָלף, וואָס שטייט ביים ארון קודש ווי פאַרגליווערט).

י ר ח מ י א ל ב ע ל ע ג ל ה. אַז איך האָב גאָר קיין צייט ניט. איך דאַרף פֿאָרן אין קורעניץ. נעם אין מיטן דערינען און שטעל זיך זאָגן תהלים.

ר ב. ששש... ווער פרעגט ביי אייך, ר׳ ייִד?

י י ד א י י נ ג ע ר י כ ט א י ן ס אַ ז ש ע. וואָס וויל מען אַריינשלעפּן דעם געמיינעם מענטשן? ער טשעפּעט קיינעם ניט און קיינער טשעפּעט אים ניט.

מ ש ה ה י י ם. אַזוי גאָר? און ווער וועט צאָלן פֿאַר די פּאָדאַטן, בוניע?

י י ד א י י נ ג ע ר י כ ט א י ן ס אַ ז ש ע. פּאָדאַטן, שמאָדאַטן, וואָס דו, משה חיים, צאָלסט זיך שוין אָן פֿאַר די פּאָדאַטן!

ע ר ש ט ע ר ד י י ן (מיט אַ פּעקל תהילים). ששש... ס׳איז ניט די צייט. ניט די צייט. ס׳איז היינט אַ תענית, נעם די תהלימס יאַנקל.

י ר ח מ י א ל ב ע ל ־ ע ג ל ה. אַ תענית איז ביי מיר אַ שפּיי — איך דאַרף אָבער פֿאָרן, סיי ווי זאָגט מען אין שטאָט, אַז זי איז אַליין אַנטלאָפן. איז וואָס וועט העלפן דאָס תהילים־זאָגן?

אַ י י ד אַ ב ע ל ־ ה ב י ת. און צו דיר האָט עס קיין שייכות ניט, ירחמיאלקע?

ק ל מ ן ג י ט ע ל ע ס (צו ירחמיאלן). גנב! גזלן!

י ר ח מ י א ל ב ע ל ־ ע ג ל ה. אַ בייזער יאָר אויף אייער קאָפּ! איך בין געלעגן די גאַנצע נאַכט געבונדן צוליב אייערע עופות, קלמן. דער קליוטשעוואָיט האָט מיך געזען.

ד י י נ י ם. שאַט! הערט אויף! הערט אויף! אַ תענית. שאַט! דער מרא דאתרא וועט עפּעס זאָגן, רופט אַריין די נשים. (זימל שרייבער עפנט די טיר צו אהרן וואָלפן אין שטוב. עס קומען אַריין ביילע, מיט איר נאָך ווייבער פאַרוויקלטע אין פאַטשיילעס, שטעלן זיך אין אַ ווינקל).

ר ב (ביים ארון קודש). מורי ורבותי... עס זענען אָנגעקומען שווערע צייטן אויף ייִדן. גזירות רעות. און אַלץ צוליב וואָס? צוליב די עברות פון כלל ישׂראל. עס איז אַ צרת־רבים. קינדער פאַלן אַוועק פון סקאַרלעטינע, קימפעטאָרינס קרייסן. ווי גרויס דאַרפן זיין די עברות פון אַן עדה, ווען מע נעמט אַוועק פון אונטער דער חופּה די טאָכטער פון דעם פּרנס־חודש. אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשׂו אזובי קיר? אויב די חשובע לייט האָט געטראָפן דער פייער, טאָ וואָס וועט שוין זיין מיט דעם געמיינעם מאַן? מורי ורבותי, מע דאַרף תשובה טאָן. ווו איז עס געהערט געוואָרן, גנבה, גזלה און רציחה. סע גייט אַרום אין אונדזער געגנט אַ ייִד אַ הורג נפש, פֿאַר וועמענס זינד שטראָפסטו אונדז, רבונו של עולם? מע דאַרף נאָכקוקן צי זענען די ספר־תורות אין אונדזערע בתי־מדרשים, חס וחלילה, ניט כשר? צי איז עס ניט דעריבער וואָס יונגע בעל־מלאכות האָבן גענומען אָנטאָן שפּיציקע שיך, און שפּאַצירן אין די גאַסן מיט זייערע מיידן? צי געפינט זיך ניט אין אונדזער עדה חס־ושלום אַן אישה, אַן אשת איש? עננו אדוני, עננו, בעת צרה אל

תּעזבני! (די ווייבער וויינען, ייִדן בעלי־בתּים ווישן זיך די אויגן, העכער פון אַלעמען קלאָגט יחיאל מלווה. ער פאַרגייט אין געוויין).

ערשטער דיין. ייִדן, נעמט די תּהלימס.

רב. אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת אדוני. אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת אדוני.

ירחמיאל בעל־עגלה. ווער עס פרעסט פּעטע גענדז און ווער עס קייט שטרוי.

רב. אשרי נוצרי עדתיו בכל לב ידרשוהו.

ירחמיאל בעל־עגלה. צאַפּט ניט דעם אָרעמאַן און ווערט אַליין משוגע.

רב. אף לא פעלו עוולה בדרכיו הלכו...

ירחמיאל בעל־עגלה. זאָל אַריין אין אייערע צורהס אַ מזל ברכה. (די ווייבער וויינען. די בעלי־בתּים ווישן זיך די אויגן. עס איז אַ געשריי. מע הערט ניט אַרויס קיין וואָרט. דאָס דויערט אַ לענגערע צייט, ביז דער רב טוט אַ קוש דעם פּרוכת פון ארון קודש און גייט אַראָפּ).

ירחמיאל בעל־עגלה. מען קאָן שוין גיין?

ביילע. זאָל נאָר דער אייבערשטער זיך צוהערן צו אונדזערע טרערן. אַזאַ אומגליק! אַ פאַרמעגן! און אַ שטיפמאַמען טוט אויך ווי דאָס האַרץ.

אַ ייִד אַ בעל־בית. איי, אַ צייטעלע, אַ צייטעלע. (די פּראָסטע ייִדן נעמען זיך אַרויסגיין, קהל לאָזט זיך אויך גיין).

זימל שרייבער (טוט אַ פּאַטש אין טיש). בית דין, אַן אסיפה! (ס'בלייבן איבער אַ פּאָר לייט).

משה חיים. ווי? וואָס זאָגט ער דער שלים־מזל?

זימל שרייבער. איך האָב זיך טועה געווען, זייט מוחל. בית־דין און קהל בלייבן נאָך איבער אויף אַן אסיפה פון קהל. (די בעלי־בתּים, פּראָסטע ייִדן, קלעזמאָרים, גייען אַרויס שווייגנדיק).

מחותּן מיטן זיידן טיכל. איז וויפל האָבן מיר נאָך אַ קימאַ לן צו פאַסטן? (ציילט אויף די פינגער און וויל אַרויסגיין).

רב. נחום, וואָס איילסטו זיך? בלייב איבער אויף דער אסיפה. מיר וועלן צוזאַמען דאַווענען מעריב. (קהל און בית־דין זעצן זיך אויס ביים טיש לויט דעם זעלביקן סדר ווי אין דער ערשטער סצענע, אויך דער יונגער־מאַן מיטן זיידן טיכל. אהרן וואָלף פאַרנעמט דאָס אָרט פון פּרנס־חודש. אַלע שווייגן).

אהרן וואָלף. וואָס האָט קהל בדעה צו טאָן? (אַלע שווייגן). קהל וועט הייַנט דאַרפן אַרויסשיקן ברויט פאַר די ייִשובניקעס. מע זאָגט, אַז זיי הונגערן. דאָס אייגענע האָב און גוטס האָט מען, ברוך השם, פאַרפרעסן און פאַרזויפן אין די ערשטע עטלעכע טעג. רבי, איך האָב מורא צו זאָגן, מע דאַרף עפּעס טאָן, איך האָב קיין כּוח ניט. מע דאַרף זען מנחם דער רויטער זאָל מיטנעמען די באַנקעס און אַרויסגיין צו זיי, העלפן די קראַנקע (טוט אַ זיפץ). מיר האָבן צו אַל די שוואַרצע יאָר ניט קיין אַסעסאָר, נאָר אַ יאַבעדניק אַ שיכּור. פרעג איך צי איז קהל מסכּים מיט מיין דעה?

יחיאל מלווה. קהל איז מסכּים.

קלמן גיטעלעס. קהל איז מסכּים.

רב. (בייגט זיך איין צו די דיינים, ריידן שטיל צווישן זיך). בית דין האָט זיך מיישב געווען און איז מסכּים מיט דער דעה פון פּרנס־חודש. (עס עפנט זיך שטיל די טיר, עס קומט

אַריין בויטרע, נאָך אים לעמעלע פּוט. קיינער באַמערקט זיי ניט. בויטרע גייט צו גלייך צום טיש און זעצט זיך).

בויטרע. גוטנאָוונט.

אַלע. איי!

בויטרע. איך בין געקומען פאַרבעטן קהל און בית־דין צו מיין חתונה אין קרעווער וואַלד. סע וועט זיין אַ גרויסע חתונה. די ייִשובניקעס זענען די מחותּנים. אַלע אָרעמע־לייט וועלן קומען צו דער שׂימחה. אַ סאָלדאַטסקע חתונה. קהל און בית־דין מוזן קומען. ר' קלמן, איך וועל אייך אָפּגעבן די גאַנדז אַ געבראָטענע (הייבט זיך אויף און גייט צום טיר).

אהרן וואָלף (קומט צו זיך). פּושע ישׂראל, מיט גזלה און רציחה ווילסטו קומען צו אַ מעמד! זע, וועסט דערטרונקען ווערן אין בלוט.

בויטרע. גזלה און רציחה... איך? אהרן וואָלף, טוט אַ קוק אויף מיר, קהל און בית־דין, הייבט אויף די אויגן, טוט אַ קוק אויף מיר... איר האָט ניט געהרגעט קיין מענטשן? ווער בין איך?

אהרן וואָלף. צרת־רבים, ס'האַלט אַז ייִדן זאָלן אומקומען פון דער וועלט. באו מים עד נפש. און דו, פלייש פון אונדזער פלייש, בלוט פון אונדזער בלוט, קומסט אין אַזאַ צייט אויך נעמען נקמה פון ייִדן? אַרט דיך גאָר ניט וואָס טויזנטער אלמנות און יתומים וואַלגערן זיך אַרום אָן אַ דאַך, וואָס עס קלעקט שוין ניט קיין פּלאַץ צו באַגראָבן די טויטע? דו האָב ניט קיין רחמנות אויף אונדז, נאָר אויף די טויזנטער פאַרטריבענע וואָס דאַרפן נעבעך אָנקומען צו אונדזער הילף.

בויטרע. ניט איך, כּלבים, ניט איך. איך, חיים בויטרע, וועל צונעמען די קראַנקע און אָרעמע־לייט און וועל זיי האָדעווען מיט קללות אויף קהל.

לעמעלע פּוט. בויטרע וועט עפענען די שפּייכלערס פון די גבֿירים נאָר פאַר זיי. ער וועט אָנטאָן די אָרעמע־לייט אין סויבלענע פעלצן, די יתומים אין סאַמעט, און אייך אונטערצינדן. מיר וועלן אונטערצינדן די גאַנצע וועלט, אַז איר זאָלט אומקומען צוזאַמען מיט זיי, מיט די הונגעריקע.

אהרן וואָלף. שלום, ייִדן דאַרפן איצטער האָבן שלום־בית. דער מלך האָט זיך אָנגעזעצט.

בויטרע. שלום? אָט האָט איר שלום. איר וועט קומען אויף דער חתונה פון בויטרען מיט דעם פּרנס־חודשעס טאָכטער...

אהרן וואָלף. רוצח! (וואַרפט זיך אויף בויטרען און כאַפּט אים ביים האַלדז. בויטרע הייבט אים אויף איבערן קאָפּ און טוט אים אַ שליידער צו דער ערד. אהרן וואָלף בלייבט ליגן. די קהל־לייט טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, אין שרעק. בויטרע זעצט זיך אויפן אָרט פון פּרנס־חודש).

בויטרע. איך בין פּרנס־חודש.

לעמעלע פּוט (טוט אַ זעץ אין טיש). ווו עס איז דאָ אַ געפּייניקטער יונג, זאָל ער קומען, מיר וועלן נעמען פאַר אים נקמה! ווו עס איז ערגעץ דאָ אַן אלמנה, אַ קראַנקער, אַ קרעציקער, זאָל ער קומען, מיר וועלן אים אויסהיילן.

בויטרע. קהל איז מסכּים מיט דער דעה פון פּרנס־חודש?

לעמעלע פּוט. קהל איז מסכּים.

ערשטער דיין (אין שרעק). יע, מיט אַלץ מסכּים, אַוודאי.

קהל־לייט. קהל איז מסכּים, אַוודאי. (בויטרע נעמט אָן דעם יונגנמאַן מיטן זיידן טיכל ביים האַנט, ציט אַראָפּ אַ פינגערל פון זיין פינגער).

בויטרע. פאַר די אָרעמע־לייט, זיי דאַרפן עסן פון זילבערנע כּלים. (מעלקע קומט אַרויס פון לינקס מיט אַ קאָרב פאַרצעלייענע געשיר).

מעלקע. די יישובניקעס דאַרפן טרינקען אָקעוויט פון פאַרצעלייענע געשיר.

בויטרע. אמת! זימל טראָג אַריין אין פּינקס, אַז בעקעריי איז אַ מלאכה (זימל קוקט מיט שרעק אויף אהרן וואָלפן און שרייבט אין פּינקס. בויטרע צו אַ יונג): אָט דעם זייגער! (דער יונג קריכט אַרויף, נעמט אַראָפּ דעם זייגער פון דער וואַנט). דעם פּינקס אויך. (אַ יונג נעמט צו דעם פּינקס פון טיש). די גענדזענע פעדער (אַ יונג נעמט ביי זימלען די גענדזענע פעדער)... און זימל שרייבער אויך. ער וועט אַריינשרייבן די חתונה, בויטרעס חתונה. (בויטרע און די יונגען גייען אַרויס. אויף דער סצענע אַ טויטשטילקייט. אהרן וואָלף הוסט זיך אויס ביסלעכווייז. בלייבט זיצן אויף דער ערד מיט פאַרבראָכענע הענט אויף דער קני).

אהרן וואָלף. איש היה בארץ עוץ. והיה האיש ההוא תּם וישר. ויהי מקנהו שבעת אלפי צאן ושלשת אלפי גמלים. (ער בלייבט זיצן שטיל, פּלוצלונג טוט ער זיך אַ הייב אויף) איך וועל אַרויסנעמען פון זיינע הענט, גיט מיר דעם פעלץ! (שרייט אין דער צווייטער שטוב אַריין). ביילע, גיב מיר דעם פעלץ!

פאָרהאַנג.

פינפטער בילד

דער אייגענער וואַלד, וואָס אין צווייטן בילד. עס זיצן בויטרע און די בעקעריונגען. אָוונט.

מעלקע. די אָרעמע־לייט פון דער גאַנצער געגנט זוכן די חתונה. ניט נאָר אין קרעוועער וואַלד. אַ סך זענען אַוועק אין זאַסקעוויצער וואַלד צו די סמאָליאַרעס, זיי וועלן נאָך אַוועקגיין גאָט ווייס ווו. (לאַכט).

צווייטער יונג. אַז מען קאָן ניט זאָגן ווו, ווער עס וועט האָבן דאָס גליק, יענער וועט זיין, מע וועט אַלץ זען אַן אייגענעם עולם, קבצן איבער קבצן.

בויטרע. ווו איז לעמעלע פּוט?

מעלקע. ביי די קרעטשמאַרעס. (עס קומען אָן אָרעמע־לייט יישובניקעס, זיי גייען מיטן וועג פאַרביי, בלייבן שטיין).

באַוואַקסענער יונגערמאַן וואָס באַלעקט זיך. איר ווייסט ניט, בחורים, ווו איז דאָ בויטרעס חתונה?

מעלקע. גייט אַהין ווייטער, ביים טייכל!

אַן אָרעמאַן. ביים טייכל גאָר?

אַ צווייטער אָרעמאַן. מע זאָגט, אַז קהל וועט איצטער איבערגיין צו אָרעמע־לייט. בויטרע, זאָגט מען, איז איצט דער פרנס־חודש.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק. מע זאָגט, אַז היי־יאָר וועט בויטרע אָפּגעבן אין רעקרוטן אַ גביר. ס'איז אמת? עפּעס גלייבט זיך ניט.

צווייטער אָרעמאַן. ס'איז אמת. היי־יאָר, זאָגט מען, וועט ער אָפּגעבן נחומען. ער האָט צוגענומען ביי אים דעם קדושין־רינג און אים אַליין וועט ער אָפּגעבן אין רעקרוטן.

אַ יידענע. מע זאָגט, אַז ער וועט פירן די אָרעמע־לייט קיין וואָלין. ער ווייס דעם וועג.

צווייטער אָרעמאַן. משה רבינו!

ערשטער אָרעמאַן. אַ שיינער משה רבינו, ער לאָזט ניט צו פאַרן אויג.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק. און וואָס זאָגט מען עפּעס וועגן דער חתונה?

באַוואַקסענער אָרעמאַן וואָס באַלעקט זיך. מע זאָגט, אַז מען וועט געבן צו גאַנדז אויף אַן אָרעמאַן, דערנאָך וועט מען זיי געבן לאָקשן, וויפל זיי ווילן. און דערנאָך וועט מען זיי געבן צו טעלערלעך צימעס.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק. שנאָרריירים! מע זאָל זיך אָבער האַלטן ווי מענטשן!

יידענע. סטערקע, זאָגט מען, וועט טיילן ניס און ראָזשינקעס אַלעמען.

צווייטער יונג. וווהין גייט איר? גייט אַהער, אויף רעכטס! (די אָרעמע־לייט און יונגען אָפּ. בויטרע בלייבט זיצן אויף דער באַנק, עס ווערט טונקעלער. זינגט אַן אַלטע אַלדאַטישע ליד, פון ניקאָליי דעם ערשטנס צייטן. פון דער סמאָליאַרניע קומט אַרויס סטערע. זעצט זיך לעבן אים).

סטערע. נאָך דער חתונה ווילסטו אויך בלייבן וווינען אין דער סמאָלאַרניע?

בויטרע. יאָ.

סטערע. אין שטאָט האָסטו מורא צו וווינען? דו ווילסט עס זאָל זיין גערעכטיקייט? מע זאָל ניט נעמען מענטשן מיט גוואַלד און טאָן אַלץ. מע האָט מיך געוואָלט חתונה מאַכן מיט גוואַלד. פאַר וואָס ביסטו אַזוי אָנגעכמורעט? ביסט דאָך געווען אַמאָל אַ פריילעכער, האָסט געזונגען, געטאַנצט.

בויטרע. יאָ.

סטערע. טו אַ שמייכל, לאַך! נו לאַך! דו ביסט דאָך אַ חתן!

בויטרע (טוט אַ שמייכל). ביי דיר איז דאָ זומער־שפּרינקעלעך אויף דער נאָז.

סטערע (צופרידן). ס'איז גאָרניט. די זומער־שפּרינקעלעך וועלן אַראָפּ. איך וועל וואַשן דאָס פּנים מיט האָגל, דאָס העלפט. (בויטרע שמייכלט). מיט צוויי וואָכן צוריק איז געווען אַ האָגל, זאָגט צו מיר ביילע: וואַש זיך אַרום, וועלן אַראָפּ די זומער־שפּרינקלעך, אָבער איך האָב ניט געוואָלט. זאָל ער האָבן, מיין חתן, אַ כּלה מיט זומער־שפּרינקלעך, ס'וועט פאַר אים אויך זיין גוט (טוליעט זיך צו אים). דו ביסט אַזאַ שיינער... אפשר אין וואָלין? מע זאָגט ס'איז דאָרטן אַ ניי לאַנד, ווו קיינעם קען מען ניט.

בויטרע. אין וואָלין? איצטער ניט. אַט דאָ זיץ איך. דאָרטן אונטן, די שטאָט, נאָר מער ניט זיין אויף דער וועלט. זי וועט פאַרוואַקסן מיט גראָז. עס וועט ניט צוקומען זיין פור צו דער שטאָט. די יונגען נישטערן אַרום אין דער געגנט. ביי נאַכט וועט מען 'א ניט אָנצינדן קיין פייער, מע וועט מורא האָבן פאַר בויטרען... (סטערע שווייגט). ביי מיר אַט דאָ אינעווייניק איז דאָ נאָך עפּעס אַ טעמפּע זאַך, אַ שווערע, אַ פינצטערע. אָ! איך בין אַ ביטערער יונג, עס וועט זיך קערן חושך. איך וועל שמידן אין קייטן קהל־לייט און זיי פאַרברענען אויפן פייער. די נגידים וועלן ליגן געבונדענע אונטער טישן. איך וועל אויפברעכן די שלעסער, זאָלן אָרעמע־לייט צונעמען אַלץ. איך וועל צערייסן ספר־תּורהס. איך וועל מאַכן, אַז זיי זאָלן אַלע לויפן אין רעקרוטן, כּדי צו ראַטעווען זיך פון בויטרען.

סטערע. יאָ, דו ביסט ניט שולדיק.

בויטרע. און דו האָסט ניט געדאַרפט גיין מיט מיר. דו ביסט דעם פרנס־חודשעס טאָכטער, דו גיי צוריק אַהיים.

סטערע. וואָס?! אַהיים? וווהין? (טוט זיך אַ טרייסל). דער מאָהילנער ייִנגל? זשאָנדצע מאַטשאָנטשע! אַ גליטשיקער שלים־מזל! (פאַרדעקט זיך דאָס פּנים מיט די הענט. בויטרע הייבט זיך אויף, גייט אַריין אין דער סמאָלאַרניע, זי בלייבט זיצן פאַרצאָרנט).

סטערע. דאָס איז ניט ער, ניין ניט ער! ער האָט פיינט מענטשן. זיי האָבן אים פאַרסמט. (וויינט). ער דאַרף אַנטלויפן פון דאַנען. ער מוז. מיר וועלן אַנטלויפן קיין וואָלין. דאָרט לעבט מען, מסתּמא, ווי אַיעדער וויל. (בויטרע קומט אַרויס פון דער סמאָלאַרניע, טראָגט אַ פּאַק, וויקלט אים פונאַנדער, לייגט אויס אויף דער ערד גאָלדענע שיכלעך, קאָטינקעס, בראַקאָטן, זיידנס).

בויטרע (מיט אַ שמייכל). דיין אויסשטייער צו דער חתונה.

סטערע. גוט וואָס דו האָסט איבערגענומען די פורן. צו וואָס דאַרף איך עס? צי אַזאַ חתונה דאַרף מען ניט די זאַכן (שפרינגט אויף). קום, אפשר קאָנסטו ווערן אַן אַנדערער? ווער פריילעכער, דו האָסט דאָך שטענדיק געלאַכט. (נעמט אים אַרום, וויל מיט אים טאַנצן).

בויטרע. איך קאָן ניט. (לאָזט זי אָפּ, זי פאַלט אויף דער באַנק און וויינט. אירע אַקסלען צוקן. בויטרע שטייט פון ווייטן און קוקט. שפּעטער גייט ער צו, זעצט זיך לעבן איר. קושט אירע האָר. הייבט אויף איר קאָפּ, לייגט איר קאָפּ אויף זיינע אַקסלען. זי נעמט אים אַרום, קושט אים).

סטערע. קום, מיר וועלן אַוועקפאָרן אין וואָלין. דו ביסט ניט ווי אַלע דאָ. מיר וועלן האָבן אייגענע ברייזער. דו וועסט האַנדלען מיט פלאַקס, דו וועסט אין קאָטש מיט דריי פערד פאָרן צו די פריצים, איך וועל מיט דיר מיטפאָרן, ווי עס טוען די פריצטעס פאָדריאַדטשיקעס. קיינער ווייס ניט. דו וועסט ווערן אָנגענומען ביי נאַטשאַלסטווע, די קענסט מאָסקוויטאַריש. (בויטרע טוט אַ קרומען שמייכל). יאָ? דער איספּראַווניק וועט פאַר־פאָרן צו אינדז, מיר וועלן קומען אויף אַ באַל צום פריץ. דו וועסט זיצן מיט זיי און ריידן געשעפט, איך וועל טאַנצן אַ פּאָלאָנעז. אָט אַזוי, מע האַלט זיך אויף די שפּיץ פינגערלעך... אָט אַזוי, גרינג. (זי זינגט אַ פּאָלאָנעז און טאַנצט. סטערע ווערט אין גאַנצן פאַרכאַפּט אין טאַנץ. בויטרע קוקט אויף איר זייער אנגעשטרענגט. זי פאַלט אַ מידע. בויטרע נעמט זי אַרום).

בויטרע. פאַר וואָס ביסטו דעם פרנס חודשעס טאָכטער? פאַר וואָס ביסטו ניט אַן אָרעם מיידל פון דער סלאָבאָדקער געסל, וואָס טראָגט אַהיים וואַסער אויף דער קאָראָמיסלע? עס טוט איר ווייַ די פּלייצע, איז זי נעענטער צו מיר. דו רעדסט און איך פאַרשטיי דיך ניט גוט, וואָס דו רעדסט. דו ביסט עפּעס אַזאַ ווי אייגע, וואָס קוקט אַרויס דורכן פענצטער פון צווייטן גאָרן. מע דאַרף זיך אָפּשטעלן, אויפהייבן דעם קאָפּ און קוקן אויף איר. עס נאָגט אָט דאָ אָ אין עס בענקט זיך צו איר.

סטערע. איך ווייס ניט צי דו האָסט עס מיך ליב, אָדער דו האָסט עס פיינט מיין טאַטן.

בויטרע. יאָ.

סטערע. לאָמיר לויפן פון דאַנען, חיים! לעמעלע פּוט דערציילט, ביי נאכט זענען די סיאָמנאַקעס באַפאַלן די סמאָלאַרניע, וואָס לעבן דעם שוואַרצן גאָסטינעץ. זיי האָבן זי צעטראָגן אויף אַש. זיי קאָנען קומען אַהער אויך, גיי, חיים, און קריג פערד, מיר וועלן אַוועקפאָרן. גיי קריג פערד, דו קאָנסט דאָך (עס הערט זיך געשרייען אין וואַלד. מענטשן לויפן. קולות פון ייִשובניקעס).

סטערע. איי! (פאַרוויקלט זיך אין פאַטשיילע).

שטימען פון ייִשובניקעס. מאָרדעוועט זיי, וואָס שווייגט איר? אויף טויט?! (אַנדערע שטימען). וואָס טוט איר, רירט ניט אָן קיין רב! איר וועט ניט האָבן ניט די וועלט ניט יענע וועלט! בלוטזויגערס.

שטימען פון ייִשובניקעס. ראַטעוועט! ראַטעוועט! (עס לויפן אַריין די קהל־לייט און בית־דין, צעשויבערטע, צעריסן די קליידער, יחיאל מלווה און דער ערשטער דיין זענען פאַרבלוטיקט. סטערע דערזעט אהרן וואָלפן, טוט זי אַ געשריי און לויפט אַריין אין דער סמאָלאַרניע).

יחיאל מלווה. ראַטעוועט! די ייִשובניקעס ווילן אונדז אומברענגען! ראַטעוועט!

קלמן גיטעלעס. אהרן וואָלפקע! אהרן וואָלפקע! האָסט אונדז אַריינגעטריבן אין גרוב אַריין.

אהרן וואָלף. ביסט גערעכט, קלמן, איך בין מסתּמא גערירט פון זינען! (דער־זעט בויטרען און בלייבט ווי פאַרגליווערט. עס לויפן אַריין די ייִשובניקעס מיט שטעקנס אין די הענט און מיט שטיינער, צווישן זיי געפינט זיך לעמעלע פּוט).

הויכער קרעטשמער. ביי אונדז וועלן פאַלן די קינדער — און זיי וועלן זיך וויינען אין נייע שטיבער?!

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. ממיתן! אַ סוף זאָל עס נעמען! ממיתן! (די ייִשובניקעס דערזעען בויטרען, בלייבן שטיין).

בויטרע. וואָס איז?

לעמעלע פּוט. די אָרעמע־לייט פון דער געגנט און די ייִשובניקעס קלייבן זיך צו דער חתונה. ביי אַלע סמאָלאַרניעס ליגן מחנות מענטשן. מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען קהל און געבראַכט ברויט פאַר די הונגעריקע. די ייִשובניקעס זענען זיי באַפאַלן, קוים האָב איך זיי אַרויסגעראַטעוועט, געבראַכט אַהער.

בויטרע (צו די ייִשובניקעס). גייט! (די ייִשובניקעס גייען שווייגנדיק אָפּ).

ערשטער דיין. איי, מען זאָל שלאָגן אַ דיין, דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן! וואָס איז קהל שולדיק, אַז עס זענען, רחמנא ליצלן, דאָ גזירות אויף ייִדן?

אהרן וואָלף. חיים, מיר זענען געקומען צו דער חתונה. קהל איז שולדיק, איך בין שולדיק, איך האָב געזינדיקט קעגן דיר. גערעכט האָסטו געטאָן וואָס דו האָסט אונטערגעצונדן די פלאַקס, וואָס דו האָסט מיך בדיל הדל געשטעלט. איך בין ווערט, קהל וויל דיך פאַרגיטיקן. איך פון מיין זייט גיי איין אויפן שידוך מיט מיין טאָכטער סטערע. דו זאָלסט אויסלעבן מיט איר די יאָרן. און די טויזנט זילבערנע גילדן נדן, וואָס איך האָב געהאַט בדעה צו געבן דעם מאָהילנער רבי, גיב איך עס דיר אָפּ אין האַנט אַריין, אַז דו זאָלסט מיט מיין טאָכטער בויען אַ הויז בישׂראל. קהל וועט דיך צושרייבן, און עס וועט אָפּגעמעקט ווערן אַ פלעק פון אונדזער קהילה קדושה, די עוולה וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן דיר.

יחיאל מלווה. אָבער בתּנאַי, אַז דו זאָלסט אָפּגעבן מיין געלט. (וויינט). מיין גלות, מיין האָרעוואַניע! גאָט וועט דיר ניט מוחל זיין!

אהרן וואָלף. יחיאל, הער אויף, מיר וועלן אַדורכקומען.

בויטרע. ניטאָ מער קיין קהל, איך בין קהל! איך וויל ניט מען זאָל מיך באַגיטיקן.

אהרן וואָלף. די טויזנט זילבערנע גילדן באַקומסטו אויפן האַנט. (ער נעמט אַרויס אַ בייטל געלט, נאָר בויטרע רירט זיך ניט פון אָרט). און דו וועסט באַקומען אַ כּתב אונטערגע־

שריבן און געחתמעט פון קהל און בית־דין, אַז די קהילה איז זיך מתחייב אָפּצוהיטן דיך פון גוייִשע הענט, דיך און דיינע קינדער און קינדס־קינדער.

ר ב. פאַר אַ בעל־תשובה זיינען קיין מאָל די טויערן פון רחמים ניט פאַרשלאָסן. במקום שבעל־תשובה עימד אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד. תנא ריש לקיש איז געווען אַמאָל אַ גזלן.

א ה ר ן ו ו אָ ל ף. ווער איז אַ גזלן? דאָ זענען ניטאָ קיין גזלנים (סטערע קומט אַרויס פון סמאָלאַרניע, בלייבט שטיין אַקעגן דעם פאָטער. אָטעמט שווער. אהרן וואָלף ווישט אַ טרער און ציטערט). סטערע, טאָכטער, איך בין געקומען צו דיין חתונה, כאָטש דו האָסט מיך ניט פאַרבעטן.

ס ט ע ר ע. דו ביסט געקומען צו מיין חתונה? און ווו איז מיין מומעביילע?

א ה ר ן ו ו אַ ל ף. זי איז קראַנק געוואָרן, טאָכטער, פון צרות קראַנק געוואָרן. זיי מיר מוחל, איך האָב גענוג געזינדיקט קעגן דיר, טאָכטער. איך בין שולדיק, איך בין אַ רוצח. איך וויל זיך אָבער ריינוואַשן קעגן אייך, טאָכטער. צו די ווייַנען און דעם בראָנפן ביי מיר אין שטוב האָט מען זיך נאָך ניט צוגערירט. די קעכינס שטייען נאָך ביי די אויוונס. איך וועל אויך שטעלן טישן פאַר אָרעמע־לייט. איך וועל טיילן צדקה ביי אַלע שוועלן, עס זאָל נאָר זיין פאַרגעבונג פאַר מיין שולד.

ס ט ע ר ע. טאַטע, אַהיים וועל איך ניט גיין! (ווייזט אויף בויטרען). איך בין אַזוי ווי ער, מיר ביידע האָבן ניט קיין היים. איר וועט נאָך זען! מיר וועלן נאָך וווינען אין די גרויסע שטעט. מיר וועלן נאָך גיין אין די טעאַטערן, מיר וועלן רייטן אויף פערד. (צעקאָכט). וואַרט, און דעמאָלט וועלן מיר אייך נאָך ווייזן! (ווייזט דעם פאָטער אַ פויסט פון דער לינקער האַנט).

אַ ל ע. איי!

ל ע מ ע ל ע פ ו ט (לאַכט זיך פלוצלונג פונאַנדער). וואָס זאָגסטו צו איר?

ס ט ע ר ע. מיר וועלן נאָך אייך באַצאָלן. איר זייט בייטשוקלעך! איר טראָגט לעדערנע הויזן מיט העלצלעך אָנשטאָט קנעפּ, און איר טוט אָן אויף דעם דריי קאַפּטנס מיט פעלץ. פע! מיאוסע ייִדן! אָט האַנדלט איר מיט הינער! וועלכער שוואַרץ יאָר האַנדלט עס מיט הינער? און איר פאַרלייט געלט אויף וואָכער צו אַלע פריצים און אַליין גייט איר אָן אַ העמד. טפוי אויף אייך! זיי האָבן מיך געוואָלט חתונה מאַכן מיט דעם מאָהילנער רבס זינדל. וועל איך אים אַריינוואַרפן אין טייך. אויף טויט. (צום טאַטן): וואָס מיינסטו זיך? דו ווילסט אָנשלעפּן אַ קללה אויף אונדז אַלעמען?

א ה ר ן ו ו אָ ל ף (פאַרדעקט ס׳פּנים מיט די הענט). דו ביסט גערעכט, טאָכטער, די ביסט גערעכט. אויב מיך וועט טרעפן די שטראָף בין איך שולדיק, איך אהרן וואָלף דער פּרנס־חודש האָט געזינדיקט קעגן אייך, וויל איך ריינוואַשן מיין זינד. איך בין צופרידן וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. איך בין צופרידן וואָס דו האָסט אויסגעפונען דיין באַשערטן. אין אַ מזלדיקער שעה, טאָכטער. איך וועל מודיע זיין אין אַלע קהילות, אַז אהרן וואָלף מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר בויטרען און נעמט אים פאַר אַן אייגענעם זון. כדי די וועלט זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר.

ב ו י ט ר ע. לעמעלע, פיר אָפּ קהל און בית־דין אין דער סמאָליאַרניע.

א ה ר ן ו ו אָ ל ף. קומט בית־דין, קהל־לייט. קומט. (גייען).

ר ב. עס זאָל זיין מיט מזל און עס זאָל זיין שוין אַן אויפהער פון די גזירות און פורעניות אויף ייִדן.

א ה ר ן ו ו אָ ל ף. אין אַ מזלדיקער שעה! אין אַ מזלדיקער שעה! (לעמעלע פוט, קהל־לייט און בית־דין אָפּ. די זון פאַרגייט. בויטרע בלייבט שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט. סטערע לעבן אים).

ס ט ע ר ע. דו ביסט אַזאַ שטאַרקער, קהל האָט דיר געמוזט נאָכגעבן. איך וועל מיך אָנטאָן צו דער חתונה אין מיין נייעם אויסשטייער, מיר וועלן פראַווען אַ פריצישע חתונה.

ב ו י ט ר ע. יאָ. (לעמעלע פוט קומט אַרויס פון דער סמאָליאַרניע, טראָגט אַ טאָפּ בראָנפן מיט צובייסן. שטעלט עס אויף דער ערד, עס ווער׳ט טונקעלער).

ל ע מ ע ל ע פ ו ט. מיר וועלן נעמען אַ ביסל בראָנפן, היינט ביסטו די לעצטע נאַכט אַ בחור.

ב ו י ט ר ע. ווילסטו טרינקען אַ ביסל בראָנפן, סטערע?

ס ט ע ר ע. יע! (זעצן זיך אויף דער ערד און טרינקען).

ל ע מ ע ל ע פ ו ט. עס וועט זיין טשיקאַווע.

ב ו י ט ר ע. יע!

ל ע מ ע ל ע פ ו ט. דו טראַכטס עפּעס?

ב ו י ט ר ע. יע.

ל ע מ ע ל ע פ ו ט. אָט דאָס הייסט געראַבעוועט. אָט דאָס פאַרשטיי איך.

ב ו י ט ר ע. יע.

ל ע מ ע ל ע פ ו ט. עס וועט זיך אַ טרייסל טאָן די געגנט.

ב ו י ט ר ע. יע.

ס ט ע ר ע (הייבט זיך אויף). איך האָב דאָ מורא צו זיצן מיט אייך. (זי גייט אַוועק, שפּאַרט זיך אָן אין אַ בוים. פון טונקלעניש זעט זיך בלויז אַרויס איר קלייד ווי אַ ווייסער פלעק).

ל ע מ ע ל ע פ ו ט. (שטיל). עס איז אַ משוגענע מויד — ווי דער טאַטע אירער, וואָס וויל זי?

ב ו י ט ר ע. מיר וועלן שוין דעם אהרן וואָלפן פראַווען אַ חתונה. (לעמעלע לאַכט). (בויטרע הייבט אָן זינגען שטילערהייט, לעמעלע כאַפּט אונטער).

די וועגן שלאָפן שוין, עס שלאָפט די וועלט —
די כלאָפּעס און די שׂררות.
נאָר פייגל שלאָפן ניט אין קרעווער וואַלד,
בויטרע שרייט פון צרות.

און אַז ער גייט אַרויס אין מיטן נאַכט
באַפאַלט אַ גרויסע אימה,
ווייל ער גייט העלפן דעם געמיינעם מאַן
און דער אלמנה און יתומה.

נאָר בויטרע גזלן אין דעם טיפן וואַלד
קוילעט מיט אַ מעסער!
די סטערקעלע האָט מיך געקוילעט
פיל שענער און פיל בעסער.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

125

זעקסטער בילד

אַ חתונה אין קרעווער וואַלד. די טישן — ברעטער איבערגעלייגט איבער סמאָלעפּעסער. קיין טישטעכער זענען ניטאָ. אויף די הוילע ברעטער פון די טישן — פאַרצעלייענע געשיר, זילבערנע כּלים. עס שלאָגט אַ דאַמף פון געבראָטנס. די סצענע איז געפּאַקט מיט יישובניקעס, בעקעריינגען, אָרעמע־לייט. קהל און בית־דין זיצן ביי אַ באַזונדערן טיש. בויטרע אין סטערע אייבנאָן. די קלעזמאָרים אין אַ ווינקל.

באַוואַקסענער אָרעמאַן וואָס באַלעקט זיך. גיט נאָך, ס'אַראַ מאכל! די גענדז טונקען זיך אין שמאַלץ, בויטרע, גיב נאָך, מיר'ן דיר אָפּעסן דעם קאָפּ.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. אָט דאָס וואָס מען גיט וועטשערע פאַר דער חופּה איז גוט. מיר'ן עסן, פּרעסן ביז מיר'ן פּלאַצן. אָט דאָס איז גוט.

באַוואַקסענער אָרעמאַן. די קלעזמאָרים זאָלן שפּילן די פריילעכע זאַכן. די וועלט זאָגט, אַז בעת מע שפּילט עסט זיך בעסער. מיר דאַרפן היינט עסן און עסן. עס איז פאַראַן פון כּל טוב. אַ פריילעכס! קלעזמאָרים, איר הערט צי ניט? די אָרעמעלייט זיינען היינט די סאַמע גלאַוונע מחותּנים.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק. כאַפּט ניט! אַ בייזער יאָר! ס'ליגן אין מיין טעלער!

יישובניק מיטן ציגן בערדל. חתן, די אָרעמע־לייט צעגנבענען די זילבערנע לעפל.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק (האַלט אַ שטיק גאַנדז אין האַנט). אַ בייזער יאָר אויף אייך! ווו געפינט איר זיך? עס איז בויטרעס חתונה צי ניט?

אַ קליינער יישובניק. ס'איז ניט בויטרעס חתונה, ס'איז אונדזער אַלעמענס חתונה.

באַוואַקסענער אָרעמאַן. בויטרע טוט אַ שידוך מיטן פרנס־חודש. קהל נעמט אים אויף קעסט. ס'איז אונדזער שימחה. גיט נאָך! פאַר מיר נאָך אַ האַלבע גאַנדז. נאָך דעם וועל איך עסן איינגעמאַכטס. חתן, די קלעזמאָרים וועלן שפּילן צי ניט? אויב מע וועט ניט שפּילן — וועלן מיר אַוועקגיין.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק: יידענע, עסט ניט מיט די הענט.

יידענע. מיינע הענט זענען ריינער פון דיין מויל, ממזר.

ערשטע יידענע. זע ווי סטערקע איז היינט אויסגעפּוצט, ווי אַ פּריצטע!

צווייטע יידענע. ס'איז דאָך דער נייער אויסשטייער וואָס ער האָט צוגעזלט.

שטימען פון וואַלד. קומט, קומט, מע דאַרף נאָך גיין היפּשע עטלעכע מייל! אָט דאָ איז בויטרעס חתונה? אָט דאָ? לאָזט אַריין. (אַנדערע שטימען): קומט ס'איז ניט דאָ!

באַוואַקסענער אָרעמאַן וואָס באַלעקט זיך. אַך סאַראַ גוטס! געפּילטע העלדזלעך! איך וועל דאָ אויסגיין פון תּענוגים. איכ'ל מיר עסן ביזן טויט אַריין און די איינגעמאַכטס וועל איך לאָזן אויף שפּעטער.

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק (מיט שרעק). אוי וויי, מער קריכט ניט ביי מיר. איכ'ל אַרויסגיין אין דרויסן, איך דאַרף האָבן אויף אַ רגע אין דרויסן! (לויפט אין וואַלד).

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. חתן, גיב אָקעוויטן! פּראָסטע בראָנפן טרינקט מען אַ גאַנץ יאָר! היינט ווילט זיך אַ ביסל אָקעוויט.

געלער קרעטשמער. סוף־כּל־סוף, וואָס שווייגט מען! וואָס, מען וועט זיי אַרויסלאָזן פון דאַנען מיטן לעבן? קהלשע שפּייכלער.

הויכער קרעטשמער. ווען מען איז מענטשן שווייגט מען טאַקע ניט. קרעטשמאַרעס זענען אָבער בידלעס.

בויטרע (קוקט אויפן געלן קרעטשמער). דו, געלער!

אהרן וואָלף. וויפל איז דער זייגער? עפּעס רוקט זיך ניט דער זייגער פון אָרט.

באַוואַקסענער אָרעמאַן. אוי־וויי, סע עסט זיך! אוי־וויי, סע עסט זיך! זינט איך לעב! אַ מחיה! מחותּן, דער אייבערשטער זאָל געבן איר זאָלט דערפאַר נחת האָבן פון אייער טאָכטער און פון בויטרען אַפילו. אָבער פאַר וואָס שפּילן ניט די קלעזמאָרים? מע האַלט אַז סע עסט זיך בעסער.

לעמעלע פּוט. שפּילט, קלעזמאָרים!

אָרעמע לייט. אַ פריילעכס! אַ פריילעכס! (די קלעזמאָרים שפּילן אַ פריילעכס).

בויטרע. שפּילט ניט קיין פריילעכס, איך האָב פיינט צו הערן. (קלעזמאָרים האַקן אָפּ. עס ווערט שטיל. פּלוצעם הערט זיך אַ טומל אין וואַלד. קהל און בית־דין הייבן זיך פון אָרט. אהרן וואָלף שפּרינגט אויף. אויף דער סצענע אַ טויט־שטילקייט, די אָרעמע־לייט הערן אויף צו עסן).

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק (פון דרויסן). לאָזט אַריין, חתן, דאָס בין איך! חתן, איך קאָן שוין עסן ווייטער, לאָזט מיך דורך גיכער.

קלמן גיטעלעס. ער איז משוגע געוואָרן, אהרן וואָלף, ער איז משוגע געוואָרן.

באַוואַקסענער אָרעמאַן (שיכּורלעך). אָט איז אַ חתונה, אָט דאָס פאַרשטיי איך! ווייבער, מיר צעקושן זיך!

ערשטע יידענע. גיי טשוטשעלע, גיי, אויך אַ מענטש!

צווייטע יידענע. אַז סע איז גאָר קיין בושה ניטאָ. עס זיצן יידן בעל־הבתּים. און אַ... (באַוואַקסענער אָרעמאַן צעלאַכט זיך, זינגט שיכּורערהייט און קנאַקט מיט די פינגער. פון ווייטנס אין וואַלד הערט זיך דאָס קלאַפּן פון מיליטערישע פּייקלעך. לעמעלע פּוט פליט אַרויס. אַ רגע שטיל. עס קומט אַריין ירחמיאל בעל־עגלה. דאָס קלאַפּן הערט אויף).

ירחמיאל בעל־עגלה (אין יום־טובדיקע קליידער, מיטן בייטש אין האַנט). געבראַכט אַ וואָגן אָרעמע־לייט און די ווייבער מיט די קינדער אויך. סע קערט זיך חושך. דער שוואַרצער גאָסטינעץ איז פול מיט מענטשן. מזל־טוב, חתן. (קושט בויטרען). מזל־טוב, כּלה! וואָס, מע פאָרט קיין וואָלין? אַזוי! נאָך דער חתונה, באַלד אַלע קיין וואָלין? נו וואָדען? די אָרעמע־לייט וועלן ווערן פּויערים, גענוג געבידעוועט! אַזוי? איך פאָר אויך. ירחמיאל בעל־עגלה אויך. וואָדען? אַן אייגענע מלוכה, וואָדען?

בויטרע. זיץ, ירחמיאל, זעץ זיך!

ירחמיאל בעל־עגלה. איי, ווען דיין טאַטע ישׂראל וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער נחת געהאַט: סאַראַ גדולה! אַ פּראָסטן בעל־עגלהס ייִנגל געוועזן, וואָדען! דו פירסט טאַקע אַרויס די געמיינע מענטשן קיין וואָלין? אַזוי, אַ מלך! אַ פאָלנער מלך! אָט דאָס פאַרשטיי איך. גענוג געהאָרעוועט פאַר די נגידים, עס איז שוין ברוך־השם דערגאַנגען ביזן האַלדז. זאָל דער אָרעמאַן עפּעס פאַר זיך אויך טאָן. וואָדען? ווי דער נביא זאָגט: אַ וואָלף מיט אַ וואָלף און אַ שעפּס מיט אַ שעפּס.

קלמן גיטעלעס (צום בית־דין). פּש... אַ גרויסער למדן! בעל־עגלה בן בעל־עגלה.

ירחמיאל בעל־עגלה. לחיים, ייִדן, לחיים, אַ סוף צו די צרות! וואָס איז? סע זאָל זיין פריילעך! מיר'ן גיין אַ טענצל. (פאַרקאַטשעט די קאַפּאָטע, טאַנצט). מײַרים, אַ קאָזאַק. לאָמיר זינגען די קאָזע! ייִדן, עס איז משיחס צייטן! ייִדן, פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ.

אַלע. פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ!

מײַרים. (טוט זיך אָן אַ פעלכל אויף דער לינקער זייט). עז — אַ ציג, ייִתוש — אַ פליג, יגון ואנחה — הונגער און נויט! לחם — אַ טרוקן שטיקל ברויט.

אַלע. פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ!

מײַרים. מחבת — אַ פייערפאַן, עני — אַן אָרעמאַן, ישן — לייג זיך שלאָפן, עץ — מיט אַ שייטל האָלץ צוקאָפּן!

אַלע. פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ!

מײַרים. מכּה טריה — איז, ניט דאָ געדאַכט, אַ געשוויר, נגיד — איז דער טייטש אַ גביר. אדם — איז ניט מער ווי מענטש, אוזים — ברענגט מען אים די פעטע לעבעדעווער געגדז!

אַלע. פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ!

מײַרים. אַהאַ! איז וויי־געשריי... מה היה לנו — הייסט אַז אָך און וויי! משמני הארץ — אַ גביר פּרעגלט זיך אין שמאַלץ, מלח — אַן אָרעמאַן טונקט איין דאָס ברויט אין זאַלץ און לייגט זיך שלאָפן הונגעריק אויפן האַרטן באַנק, און אין שטוב איז ניט געהייצט און עס בלאָזט אַ ווינט, עס איז אים שוין ממילא וויי און ווינד.

אַלע. פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ! (עס דערהערט זיך דאָס קלאַפּן פון די פּייקלעך אין וואַלד, דער עולם ווערט שטיל).

מעלקע (לויפט אַריין). דער גאַנצער וואַלד איז אַרומגענומען מיט דעסיאַטניקעס! אַרויסגיין פון וואַלד קאָן מען ניט.

סטערע. איי, דאָס האָט ער אונדז אַרומגענומען! דאָס האָט ער געטאָן! (צום פאָטער). איכ'ל קומען צום אַסעסאָר זאָגן, אַז דו האָסט אויסבאַהאַלטן מענטשן פון נאַלאַג, סאָלדאַטן, איכ'ל זאָגן, אַז דו גנבעסט זשעליכאָוויצקיס בראָנפן, ער איז ניט פרום! גלייבט אים ניט! ער האָט אַ מאָל פרייטיק צו נאַכט געציילט געלט און האָט אָנגעצונדן ליכט!

אהרן וואָלף. קהל ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. גלייבט איר ניט. דאָס האָט זיך מסתמא דער יונג אָפּגעריכט. דער אַסעסאָר איז אַ שיכּור און אַ יאַבעדניק און אים ליגן גאָר ניט אין קאָפּ קהלשע זאַכן.

בויטרע (זעצט אַוועק סטערען אויף איר אָרט). לאָז! איכ'ל אַליין! קלעזמאָרים, שפּילט! מאַרשעלעק, איך וויל זאָגן די דרשה.

מײַרים (מיטן ניגון פון מאַרשעלעק). החתן הנגיד, מורנו הרב רב חיים ברב ישראל בעל־עגלה וועט זאָגן די דרשה! (אָן ניגון). אַפּנים, אַז וועגן דער חופּה טראַכט מען סיי ווי סיי ניט.

בויטרע (אויף. ער איז בלייך). ישׂראל דעם בעל־עגלהס ייִנגל, חיימקע, איז געגאַנגען אין חדר צום גמרא־מלמד. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ. ישׂראל האָט געפירט ר' אהרן וואָלפס פלאַקס. אַ מאָל, סוף ווינטער, איז ער דערטרונקען געוואָרן. מע האָט אים געבראַכט אויף אַ פויערישער פור איבערגעדעקט מיט אַ פעלץ. די מאַמע האָט געזוכט אַ תּכלית פאַר דעם ייִנגל. די בעלי־מלאכות האָבן אים ניט גענומען. זיי האָבן געבעטן צען גילדן אַ יאָר. דער יונג איז געשטאַנען מיט עמער וואַסער בײַ חתונות מע

זאָל אַריינוואַרפן אַ גראָשן. ער איז געווען אַ גאַסניונג. ער האָט געטריבן די טויבן פון דאַך פון פרנס־חודש און סטערע, ר' וואָלפס טאָכטער, איז געזעסן אין פענצטער און האָט געלאַכט. זי איז געווען אַ קליין מיידל און האָט האָלט געהאַט חיימקען. ער איז אָבער געווען אַ גאַסניונג. אַ מאָל האָט ער געוואָרפן אַ שטיין און געטראָפן אין קלמן גיטעלעס אַ גאַנדז. ר' קלמן איז תּיכּף געלאָפן צו קהל, אַז מע זאָל דעם יונג דערפאַר אָפּגעבן צו די סאָלדאַטן. קהל איז באַשטאַנען. אויף חיימקען זענען אָנגעקומען שווערע צייטן. באָנטשע האָט אים געיאָגט אַ יאָר נאָך אַנאַנד איבער אַלע קרעטשמעס, אין די ישיבות; און אַ מאָל, אַז חיימקע איז געשלאָפן אין דער ווייבערשער שול, האָבן זיי אים געשמידט אין קייטן, קהל האָט אים געהאַלטן אין קונע; דערנאָך האָט מען דעם ייִנגל געפירט אין סמאָלענסק, ער איז געלעגן אויף שטרוי פון אַ וואָגן, און דעמאָלט איז אים איינגעפאַלן, אַז אַלץ הייבט זיך ערשט אָן. דער ייִנגל, חיימקע, קאָן ניט וויינען. ביי אים ווייזן זיך עפּעס ניט קיין טרערן. ער האָט צוויי יאָר געדינט אין סאָלדאַטן, זיי האָבן שוין געמיינט, אַז ער איז געוואָרן מרה שחורה, ביי נאַכט איז ער אַרויס פון קאַזאַרמע, כּלומרשט אויף אַ זאַך. ער איז אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן און אַוועק מיט די גריבער. ער איז געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. נאָך דעם האָט ער זיך חדשים־לאַנג געוואַלגערט אין וועג. ער פלעגט ביי טאָג זיצן ערגעץ אין אַ גרוב, און ביי נאַכט ווידער אַרומקריכן, לאָזן זיך אין וועג אַריין, ביז ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטאָט, צוריק אַהער, אויף זיין שוואַרצער חתונה, אָט איצטער אין דעם קרעווער וואַלד.

סטערע (וויינט. אַ טויטשטילקייט).

בויטרע. וואָס האָט דער קליינער ייִנגל, חיימקע, געטאָן אַזוינס, אַז קהל זאָל אים אַוועקשיקן אַ געשמידטן אין קייטן? וואָס האָט קהל געוואָלט פון דעם קליינעם ייִנגל חיימקע? פאַר וואָס האָט קהל גענומען אָט דעם קליינעם ייִנגל און אים אַרויסגעוואָרפן פון דער וועלט? ער איז אַוועק מיט דער האַק ווי אַ גזלן, ער טאָר ניט דערמאָנען זיין אייגענעם נאָמען, ער וואָגלט אַרום איבער ייִשובים ווי אַ וואָלף און קערט זיך אום ווען ער דערזעט ערגעץ אַ פייערל אין אַ פענצטער. ער איז געוואָרן חיים בויטרע! אַ סטראַשידלע פאַר די קליינע קינדער, מיט אַן אייזערנעם רייף אַרום בויך. ייִדן, בעלי־בתּים איך וויל אַריין אין אייך, ווי די תּוכחה, ווי צעלאָזענער שוועבל, און דער פרנס־חודש און קהל וועלן בלייבן אויף אייביק די אייגענע סטראַשידלע וואָס איך! (אַ טויטשטילקייט, סטער'ע טוליעט זיך צו בויטרען. אהרן וואָלף זיצט מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין טיש, די בעלי־בתּים פאַרגליווערטע פון שרעק קוקן אויף דער ערד).

אַן אָרעמאַן. מע דאַרף אויסקוילענען אַלעמען!

כּערל באַס. זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם געמיינעם מענטשן און צאַפּן פון אים טראָפּנווייז.

קרעטשמער מיט צעשפּאָלטענער ליפּ. און דאָס וואָס קינדער און עופעלעך גייען אויס ביי דער שטאָט און מע האָט אַפילו קיין רופא ניט געשיקט. אָט דאָס מעג מען? (דאָס קלאַפּן פון די פּייקלעך הערט זיך גאָר נאָענט. אויפן סצענע ווערט ווידער שטיל. די בעלי־בתּים הייבן אויף די קעפּ).

שטים פון וואַלד. חיים! אַנטלויף, חיים! דער אַסעסאָר און צוויי הונדערט דעסיאַטניקעס גייען אַהער! (קהל און בית־דין שפּרינגען אויף פון די ערטער. דער אָרעמער טיש — שרעקלעך דערשראָקן. בויטרע בלייבט זיצן. ווי ס'וואָלט גאָרניט פּאַסירט, סטער'ע פאַלט צו צום טיש און וויינט).

באַוואַקסענער אָרעמאַן. אוי, מע וועט אונדז אַרעשטעווען!

אהרן וואָלף (באַקומט פלוצעם זיין פריערדיקן אויסזען). וואָס האָסטו געמיינט, חיימקע, ס׳איז הפקר אַ וועלט! וואָס האָסטו געמיינט, דו טיפּה סרוחה, אַז דו וועסט טרעטן יידישקייט? קהל איז קהל, און דו, טאַכטער, קום איצטער מיט מיר! וועל איך דיר נאָך מוחל זיין. זיי מיך ניט מבייש פאַר מענטשן, טאַכטער.

סטערע (שפּרינגט צום טאַטן, וויל זיך אויף אים וואַרפן, בויטרע נעמט זי און זעצט זי אַוועק לעבן זיך).

בויטרע. איכ׳ל אַליין.

רב (צו בויטרען). פּושע ישׂראל, דו האָסט זיך געטראַכט לית דין ולית דיין. וואַרט מע וועט דיר נאָך קאַטעווען די הויט. צי ווייסטו, אַז אַפילו אין גיהנום איז פאַר דיר קיין אָרט ניטאָ. ייִדן, על דעת המקום ועל דעת בית־דין בין איך גוזר, ווער ס׳האָט נאָר אַ פונק ייִדישקייט אין האַרצן, זאָל שוין אָפּטרעטן פון זיינע ד אמות (אַלע שווייגן).

לעמעלע פּוט (פליט אַריין). חיימקע, אַנטלויף! חיימקע!

בויטרע (צו לעמעלע). וואַרט, ר׳ אהרן וואָלף, מען דאַרף נאָך מסדר קדושין זיין!

אהרן וואָלף. אין גיהנום־געגנט וועט מען דיך מסדר קדושין זיין מיט דער מלכה שבא.

בויטרע (הייבט זיך אויף, אַלע רוקן זיך אָפּ, ער גייט צו, נעמט דעם רב מיטן ערשטן דיין פאַרן קאָלנער, שטעלט זיי אַוועק לעבן טיש ווו ער זיצט מיט סטערען).

ערשטער דיין. ראַטויטיע! זלאָדזשעי!

רב. ראַטויטיע! ראַטויטיע! זלאָדזשעי! אַסעסאָר, ראַטויטיע!

בויטרע. זייט מסדר קדושין.

אהרן וואָלף (צעקאָכט). זאָלסט מיר ניט סטייען. רוצח! מיין טאָכטער איז פאַר דיר ניט קיין כלה! עפנט די טירן, מע וועט אייך אַלעמען אַרעשטעווען! מע וועט אייך דאָ אַלעמען שמידן אין קייטן.

בויטרע (נעמט סטערעס האַנט און טוט איר אָן אַ פינגערל). הרי אַת מקודשת לי כדת משה וישׂראל!

אהרן וואָלף. איי, ממיתט אים! וואָס האָט ער געטאָן? איי! (קיינער רירט זיך ניט פון אָרט. בויטרע און סטערע זיצן זיך רויִק ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען. אַ ווײַלע שטיל. אַ פאַרגליווערטע עויזע. די פייקלעך דערהערט מען אונטערן נאָענטן בערגל).

אַ שטים פון וואַלד. חיים, אָט גייען זיי שוין! אָט קומען זיי אָן!

בויטרע (צו לעמעלע פּוט). אַרויסגיין קאָן מען ניט?

לעמעלע פּוט. ניין.

בויטרע. צינד דעם וואַלד! צינד דעם ברעג! (לעמעלע קערעוועט זיך אָפּ, נעמט אַ ליכט און צינדט אונטער אַ פעסל סמאָלע, קיינער באַמערקט ניט). קלעזמאָרים, אַ פריילעכס!

בערל באַס. שפּילט קעראָשים, שפּילט! ער איז ווערט! ער האָט פאַרדינט! (קלעזמאָרים טוען אַ זעץ מיט אַ ברען. בערל זינגט מיט).

שבח (טוט זיך אַ וואָרף צום פויק) סמאַליע!

בערל באַס. שבחקע, זעץ אין די טאַצן!

יעקל (שטיל).. אַז די סטרונעס זאָל פּלאַצן! שפּיל, פידעניו, צום לעצטן מאָל.

מיירים (זינגט).

און אַז ער גייט אַרויס אין מיטן נאַכט,
באַפאַלט אַ גרויסע אימה,
ווייל ער גייט העלפן דעם געמיינעם מאַן
אין דער אלמנה און יתומה.

אַ שטים. אוי ס׳ברענט!

צווייטע שטים. מע האָט אונטערגעצונדן!

דריטע שטים. אַ שׂרפה! אַ שׂרפה!

אָרעמאַן מיט פאַרבונדענער באַק. מע האָט אונדז געלאָזן זיך אָנעסן, די מיר זאָלן בעסער ברענען!

אַ שטים. סע ברענט די סמאָלע, דאָ איז אַלץ סמאָלע!

אַ שטים. ווו איז אהרן וואָלף! פּטרט אים! (דער עולם וואַרפט זיך צו אהרן וואָלפן, עמעלע פּוס, בויטרע און סטערע לויפן צום בערגל).

סטערע. קום גיכער, גיכער, אַנטלויף!

בויטרע. יע! (נעמט אַרום סטערען, שפּרינגט מיט איר אויפן בערגל. עס דערהערט יך אַ שאָס, סטערע פאַלט, בויטרע בייגט זיך איין איבער איר).

לעמעלע פּוט. קום אַראָפּ, דאָ שיסט מען! קום אַראָפּ!

בויטרע. איך וועל זי מיטנעמען.

לעמעלע פּוט. קום! (עס דערהערט זיך אַ שיסעריי. בויטרע, אויפהייבנדיק סטערען אויף די הענט, פאַלט צוזאַמען מיט איר. פּרוּווט זי אויפהייבן נאָר ער קאָן ניט).

פאָרהאַנג.